# יעקבֿ-שמואל ביק, דער בלאָנדזשענדיקער משׂכּיל

פֿון ש. ווערסעס (ירושלים)

פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור-פֿאָרשונג איז יעקבֿ-שמואל ביק דער מחבר פֿון דעם פּאָפּולער-געוואָרענעם בריוו צו טובֿיה פֿעדער צו פֿאַרטיידיקן מענדל לעפֿינס ייִדישע „משלי"-איבערזעצונג. אָבער אויסער דער דאָזיקער עפּיזאָדישער ראָלע ווי אַ מליץ-יושר פֿאַר דער ייִדישער פֿאָלקשפּראַך — איז ביק פֿאַר זיך אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט, אַ יחיד במינו אויפֿן פֿאָן פֿון דער גאַליצישער השׂכּלה-באַוועגונג. דער דאָזיקער מאַן וואָס האָט זיך געראַנגלט אַלע זײַנע יאָרן מיט זיך אַליין און געשוועבט צווישן השׂכּלה און חסידות, צווישן קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם, איז געווען אַ רעטעניש פֿאַר זײַנע חבֿרים. ער איז געווען דער ערשטער צווישן זיי וואָס האָט זיך ניט צופֿרידן געשטעלט מיט דער אָפֿיציעלער השׂכּלה און זיך צו איר באַצויגן קריטיש. ביק האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער פֿאַרגליוווערטקייט און קאַלטקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט און געזוכט נײַע וועגן. בײַ אים איז געווען מער „באַליבט און אָנגעלייגט דער מענטש, וואָס איז זיך מודה אין דער ענדערונג פֿון זײַנע איבערצײַגונגען, איידער דער מענטש, וואָס אַלטקייט מאַכט אים האַרטנאַקיק".[1]

זײַנע מיטצײַטלער האָבן ביקן ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. ערשט דער צווייטער דור האָט זיך באַצויגן צו אים מיט סימפּאַטיע און פֿאַרערונג. די דאָזיקע סימפּאַטיע האָט אָפֿט מאָל אָנגענומען איבערגעטריבענע פֿאָרמען. אַזוי באַטראַכט אים ווײַסבערג למשל ווי „איינעם פֿון די גענויאַלסטע ייִדן וואָס דאָס גאַליצישע ייִדנטום האָט אַרויסגעגעבן פֿאַר די לעצטע צוויי יאָר-הונדערטער".[2] אָבער ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער פֿאַרערונג האָט גאָך ביק ניט זוכה געווען ביז איצט צו אַ גענויער אויספֿאָרשונג וועגן זײַן לעבן

---

1 אוצר הספרות, IV, ז' 266.

2 M. Weisßberg, Die hebräische Aufklärungsliteratur in Galizien, MGWJ 1928, p. 192.

און טעטיקייט. די ידיעות וואָס זײַנען פֿאַראַן וועגן אים זײַנען צעשפּרייט אויף שבֿעה ימים — אין פּלערליי הערות, בריוו און געציילטע אַרטיקלען.[3] שוין אין יאָר 1898 האָט ש. בערנפֿעלד אונטערגעשטראָכן די נייטיקייט אין אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן ביקן[4], און ווײַסבערג ענדיקט זײַן אַרטיקל וועגן ביקן מיט דער האָפֿענונג, אַז „ש. ביק וועט נאָך ווען עס איז געפֿינען זײַן מאָנאָגראַף, ניט געקוקט אויף דער קאַרגשאַפֿט פֿון די מקורים וועגן זײַן לעבן און ווירקן".[5] די עיקר שווערקייט בײַם שרײַבן אַן אַרבעט וועגן ביקן שטאַמט טאַקע פֿון דער דאָזיקער „קאַרגשאַפֿט פֿון מקורים". די ידיעות וועגן אים זײַנען זיך אָפֿט מאָל סותר און די זכרונות זײַנע וואָס האָבן אַוודאי אַנטהאַלטן וויכטיקע ידיעות וועגן ביקס לעבן זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן.[6] — איבער דעם דאָזיקן טעם בין איך בלויז אויסן געווען מיט מײַן אַרבעט צו קאָנצענטרירן דעם פֿאַראַנענעם געדרוקטן מאַטעריאַל. די מאָנאָגראַפֿיע וועגן ביקן דאַרף נאָך געשריבן ווערן.

## I

יעקבֿ־שמואל ביק איז געבאָרן געוואָרן אין דער שטאָט בראָד און שטאַמט פֿון אַ יחוסדיקער און השפּעהדיקער משפּחה, וואָס פֿון איר זײַנען אַרויס „גבֿירים און רעכטפֿאַרטיקע הערן... וואָס זײַנען טעטיק געווען לטובֿת אַחב"י אין די הויפֿן פֿון די מלכים ושׂרים".[7] וועגן דער וויכטיקער ראָלע פֿון דער משפּחה ביק זאָגט אויך עדות איר נאָמען: ביק — דאָס זײַנען די ראָשי־תּיבֿות פֿון „בעזרת ישׂראל קמו".[8] וועגן איינעם פֿון דער דאָזיקער משפּחה, ר' שמואל, ווײַזט אויס אַ זיידע פֿון אונדזער יעקבֿ־שמואלן, הערן מיר, אַז ער איז געווען אַ רעכטפֿאַרטיקער מאַן, אַ גרויסער בעל־צדקה, וואָס פֿלעגט צעטיילן זײַן געלט פֿאַר אָרעמע לײַט, פֿלעגט שיצן דעם נויטלײַדנדיקן און שפּײַזן תּורה־לערנערס.[9]

וועגן יעקבֿ־שמואלס עלטערן ווייסן מיר גאָרניסט. וועגן זײַן מוטער שרײַבט ביק אין אַ טרויערליד אויף איר טויט.[10] אָבער אויסער די פּראָזעס וועגן איר צדקות און מעשׂים טובֿים איז שווער זיך צו דערוויסן עפּעס.

---

3 זע: די אַרטיקלען פֿון א. מ. ליפֿשיץ, ווײַסבערג, ז. רייזען און לעצטנס י. צינבערג און י. חײַנלעז.

4 תּולדות שי"ר, ברלין 1898.

5 MGWJ, 1928, p. 196.

6 פּרס־חמה, I ז' 81, הערה צום בריוו כ"ב.

7 זע: אריה־ליב תּאומים אין די הקדמות צו זײַנע ספֿרים „יעלת חן" און „אילת אהבֿים", זולקבה תּקס"ב.

8 דאָרט.

9 דאָרט.

10 פֿאַרעפֿנטלעכט אין „אשכּול ענבֿים" פֿון י. נ. פֿישמאַן, לעמבערג תּקפּ"ז, ז' קיא.

ווען זײַנער אַ שוועסטער דערציילט ער אונדז, אַז זי איז געשטאָרבן גאָר יונג. [11] געוויינטלעך רעכנט מען, אַז ביק איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1770 בערך. [12] אָבער ג. באַדער ברענגט אַ מער פּרטימדיקע דאַטע – 1772 – תקל"ב, ה׳ תמוז (13 יוני). [13] ווי דער שטייגער איז — האָט יעקבֿ-שמואל באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע ידיעות אין תּלמוד. און ניט אומזיסט טיטולירט מען אים שפּעטער „הרבני המופלג" [14] — אָדער „הרבֿ המופלג", [15] און שי"ר פֿלעגט נאָך אויף דער עלטער דערציילן וועגן ביקס פּירושים אויף געוויסע סוגיות פֿון דער גמרא. [16] דעריבער איז ניט באַרעכטיקט די השערה, אַז ביק האָט אין זײַן יוגנט ניט געהאַט צו טון מיט „טרוקענעם פּילפּול און פּוסקים". [17]

אָבער גאָר גיך האָט די השׂכּלה-באַוועגונג מיטגעריסן דעם יונגן עילוי, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַרנעמען מיט וועלטלעכער בילדונג, ניט געקוקט אויף די רדיפֿות פֿון דער סבֿיבֿה. וועגן דעם דערציילט ער אַליין בזה הלשון: „מיט וויפֿל ביטערגישן האָב איך זיך אָנגעזעטיקט זינט מײַנע יונגע יאָרן, ווען איך האָב זיך אָנגעשטרענגט אַרײַנצובאַקומען אין דעם קאָרידאָר פֿון דעם היכל פֿון די וויסנשאַפֿטן"... [18] – אָבער יעקבֿ-שמואל האָט אויסגעמיטן די שטרויכלונגען און איז זיך געגאַנגען ווײַטער זײַן גאַנג. ער האָט זיך אײַנגעשאַפֿט ברייטע ידיעות אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן – באַזונדערס פֿראַנצייזיש [19], – און ביסלעכווײַז האָט זיך טאַקע ביק אײַנגעבירגערט אין „היכל פֿון די וויסנשאַפֿטן"...

אַלע זײַנע יאָרן איז ביק געזעסן אין זײַן געבוירן-שטאָט בראָד. נאָר צײַטנווײַז פֿלעגט ער באַזוכן זײַנע חבֿרים – משׂכּילים אין טאַרנאָפּאָל, זשאָלקווע און לעמבערג. ביק האָט פֿון קיין גויט ניט געוווּסט. ער האָט

---

11 דאָרט, ז׳ קיב.

12 ז. רייזען — אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט פֿון דער השׂכּלה-צײַט, ליט׳ בלעטער, 1931, נ׳ 42. י. צינבערג — די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, באַנד VII בוך 2, ז׳ 262.

13 מדינה וחכמיה, נ"י 1934, ז׳ 36.

14 שי"ר אין אַ בריוו, אוצר הספרות III, ז׳ 28.

15 יאָללעש, דאָרט ז׳ 30.

16 זע: מ. —ן. — לתולדות הרה"ג שי"ר, היהדות, תרמ"ה נ׳ 2 ז׳ 46.

17 זע: י. צינבערג, דאָרט הערה 1 — וועלכער פֿאַררופֿט זיך אויף שמשון בלאָכס ווערטער צו ביקן (המאסף לשנת תקמ"ד — פֿון לעטעריסן, ז׳ קפא): „אחשוב כי עשית זאת בעבור העדר שקידתך מנעוריך על ספרי התלמוד והפסוקים". — אָבער גראָד אין דער דאָזיקער ווענדונג איז פֿאַרבאָרגן אַ שאַרפֿע איראָניע קעגן ביקן דעם למדן, וואָס איז געוואָרן אַ חסיד.

18 זע: בכורי-העתים, VI ז׳ 88 אין דער הערה.

19 ש. בערנפֿעלד דערציילט, אַז וואָס שייך פֿראַנצייזיש האָט ביק איבערגעשטיגן זײַן פֿרײַנט שי"ר; תולדות שי"ר, ז׳ 9.

געלעבט בשלום מיט דער סבֿיבֿה – בפּרט נאָך, אַז בראָד איז געוואָרן אַ השׂכּלה-צענטער. „די דאָזיקע שטאָט – דערציילט לעטעריס – איז געווען דעמאָלט זייער געהויבן איבער אַלע שטעט פֿון גאַליציע מיט איר פֿאַרמעגן און עשירות, מיט חכמה און אַקטיוויקייט"... [20] – אַ דאַנק זײַן יחוס און עקאָנאָמישער שטעלונג איז ביק געווען דאָ שטאַרק אָנגעזען, און מיט דער צײַט איז ער אַפֿילו געוואָרן „דער פּרנס און מנהיג פֿון דער בראָדער עדה". [21]

## II

דאָס יאָר 1808 איז געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ אין ביקס גײַסטיקער אַנטוויקלונג: מענדל לעפֿין איז אַראָפּגעקומען קיין בראָד, כּדי זיך צו באַזעצן און אָפּרוען זיך נאָך די לאַנגע וואָגלענישן זײַנע. [22] אַ דאַנק זײַן פּערזענלעכקייט איז די גאַליצישע השׂכּלה-באַוועגונג ווי אָפּגעפֿרישט און געקרעפּטיקט געוואָרן. „און עס איז געווען, אַז ער האָט זיך אומגעקערט אין זײַן לאַנד — זאָגט לעטעריס אויף זײַן מליצהדיקן שטייגער — איז ער [לעפֿין] געזעסן אַ לאַנגע צײַט אין דער שטאָט בראָד, האָט געזייט ליכט פֿאַר די רעכטהאַרציקע, די זוכערס פֿון חכמה, וואָס אין דער דאָזיקער שטאָט... און דעמאָלט איז ער ווי דער מאָרגנשטערן אויפֿגעגאַנגען פֿאַר אונדזער פֿאָלק אין דעם לאַנד גאַליציע". [23] אַרום לעפֿינען האָט זיך גיך געשאַפֿן אַ קרײַז פֿון פֿרײַנד און תּלמידים, און צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן איבערגעגעבנקייט ביק. צום דאָזיקן קרײַז האָבן געהערט די בראָדער און טאַרנאָפּאָלער משׂכּילים: דובֿ-בער גינזבורג, רנ"ק, יוסף פּערל, ישׂראל באָדעק, — און ביק איז געשטאַנען מיט זיי אין פֿרײַנטלעכע באַציִונגען. אין יאָר 1811 שרײַבט ביק צו יוסף פּערלען און לעפֿינען — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער חתונה פֿון זײַן טאָכטער הינדע: „אייערי טייערי נאהמן האבן וויר בײַם זאַפּטע דער רעבן פֿילי מאָהל הערצליך גידאַכט אונד זינד ערקוויקט וואָרדען". [24] אויף דער חתונה איז געווען דער משׂכּיל ישׂראל באָדעק „דער זיך אַלס ברודער מיט מיר גיפֿרייעט האָט". [25]

---

20 הצופה לבית ישראל — י. ערטער, ורשה 1883, ז' XII (אין דער הקדמה).

21 ווײַנלעז, העולם 1925, ז' 819; „יוסף פּערלס יידישע כּתבֿים", ווילנע 1937, ז' XXXV. — אגבֿ שטעלט זיך י. ווײַנלעז געגנוייער אָפּ אויף דער באַדײַטונג פֿון דער שטאָט בראָד, דאָרט ז' IX—XI.

22 לויט י. ווײַנלעז — דאָרט, ז' XI, איז לעפֿין געקומען קיין בראָד אין די יאָרן 1802—3. אָבער פּראָפֿ' קלויזנער, היסטוריה של הספרות העברית החדשה, באנד I, ז' 211, איז נוטה צו דער דאַטע 1808.

23 לטריס, תולדות רנ"ק אין המאסף לשנת תקמ"ר, ז' 13—33.

24 ייִוואָ-בלעטער, II 1931, ז' 342—3.

25 דאָרט.

לעפּין פלעגט אָפּט פאָרן קיין טאַרנאָפּאָל און קאָרעספּאָנדירן דעמאָלט מיט ביקן, זײַן תּלמיד.[26]

אין גיכן האָט ביק געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצוווײַזן זײַן געטרײַשאַפט צו לעפינען אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן „משלי"־איבערזעצונג אויף ייִדיש. „און ס׳איז אַזוי געוואַקסן לעפינס חשק צו ריידן צו זײַנע ברידער אין דער שפּראַך פון זײַן פאָלק און לאַנד, ביז ער האָט אַראָפּגעגנידערט פון זײַן גדולה... איבערצוזעצן פאַר דעם פּראָסטן פאָלק... דעם ספר „משלי׳"...[27] די דאָזיקע איבערזעצונג (טאַרנאָפּאָל 1813) האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין די השכלה־קרײַזן, — און טוביה פעדער, דער וואַנדערנדיקער משׂכּיל, האָט אָנגעגורט די לענדן און געשאַרפט זײַנע שפּיציקע פײַלן קעגן דעם אַלטן לעפין. נ. מ. געלבער[28] מיינט, אַז די סיבה פון דאָזיקן ליטעראַטור־וויכּוח שטעקט אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די שטעט טאַרנאָפּאָל און בראָד איבער דער העגעמאָניע אין דער גאַליצישער השכלה־באַוועגונג, און לעפין איז בלויז אַ צופעליקער קרבן פון דעם דאָזיקן אַנטאַגאָניזם. אָבער ׳ דאָזיקע השערה לאָזט זיך אָפּפרעגן. ערשטנס איז לעפין ניט געווען קיין שטענדיקער בראָדער אײַנוווינער. ער פלעגט אויך אָפּט [illegible]קוכ[illegible]ן קיין טאַרנאָפּאָל, ווו ס׳האָט געלעבט זײַן פרײַנד יוסף פּערל. און די „משלי"־איבערזעצונג האָט זיך געדרוקט דווקא אין טאַרנאָפּאָל אין פּערל[illegible]רוקערײַ![29] וואָס שייך דעם ראָש־המדברים צווישן לעפינס געגנער — טוביה פעדער — איז ער דעמאָלט גאָר געזעסן אין באַרדיטשעוו.

דער אינהאַלט פון פעדערס פּאַמפלעט איז ווײַזט אויס דערגאַנגען צו לעפינס פרײַנד און תּלמידים און האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע אויפרעגונג. באַזונדערס טעטיק איז געווען לעפינס געטרײַער תּלמיד, ביק. ער האָט אָרגאַניזירט די בראָדער גבירים, זיי זאָלן זיך אָננעמען לעפינס קריוודע,[30] האָט געגרופן צו הילף ריב"לן, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין נאָענטן ראַדזיווילאָוו. ריב"ל האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און איז אַרויס מיט אַ שאַרפן עפּיגראַם קעגן פעדערן.[31] אָבער די עיקר־פאַרטיידיקונג האָט איבערגענומען ביק אַליין אין זײַן בריוו צו פעדערן, פון י"ט טבֿת תּקע"ה, וואָס איז שוין געוואָרן אַ שם־דבֿר,[32] — „אַ מײַסטערווערק פון לאָגיק און עסטעטישער קריטיק, אַ מוסטערהאַפטע פאַרטיידיקונג פון יעטווידער דיאַלעקט־דיכטונג".[33] צוויי צילן פונעם שרײַבער לאָזן זיך אויסשיילן אין

26 דאָרט.

27 ד"ר שלמה רובין, נגה ירח, העפט ד—ה, ז׳ 28, טאַרנאָפּאָל 1874.

28 Aus zwei Jahrhunderten, Wien 1924, 54.

29 י. וויַינלעז — אין „יוסף פּערלס יידישע כּתבֿים", XXIII.

30 Weißberg, MGWJ, 1927, p. 56.

31 אשכּול הסופר, ז׳ 11.

32 כּרם־חמד, I מכתּבֿ פּ"ח.

33 Weißberg, MGWJ, 1927, p. 106.

דעם דאָזיקן בריוו: 1) אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג און באַרעכטיקונג פֿאַר דער איבערזעצונג אויף ייִדיש, 2) לעפֿינס פֿאַרטיידיקונג קעגן פֿעדערס פֿער־זענלעכע אָנפֿאַלן. בנוגע דער באַציִונג צו דער ייִדישער פֿאָלקשפּראַך האָט ביק אַוודאי זיך געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿון זײַן רבין, אָבער בעצם איז ער אָרגאַניש געקניפּט מיט דער העברעיִשער שפּראַך, אין וועלכער ער זעט דעם פֿאַרבינדנדיקן פֿאַקטאָר פֿון דער ייִדישער צעשפּרייטונג איבער דער גאָרער וועלט.[34] אָבער ניט געקוקט אויף דער דאָזיקער אײַנשטעלונג זײַנער פֿאַרטיידיקט ביק די ייִדישע שפּראַך אויף אַ קאָנסעקווענטן אופֿן. ער ברענגט אַזעלכע אַרגומענטן:

1) אין דער ייִדישער שפּראַך ריידן שוין אונדזערע אָבֿות אין פּוילן זינט 400 יאָר.

2) מען מעג אַרויסגעבן ליטעראַטור אין ייִדיש פֿאַר די אוקראַיִנישע ייִדן, פּונקט ווי אין ווין גיט מען אַרויס אַ צײַטונג אין דער פּויערים־שפּראַך.

3) יעדער שפּראַך איז שפּלדיק בײַם אָנהייב פֿון איר אַנטוויקלונג און ווערט ערשט מיט דער צײַט פֿעיִק אויסצודריקן קאָמפּליצירטע באַגריפֿן.

4) „דער המון איז דער באַגרינדער פֿון דער שפּראַך בײַ יעדער פֿאָלק".

פֿון פֿאַרטיידיקן די ייִדישע שפּראַך גייט ביק אַריבער צו דער פֿאַרטיי־דיקונג פֿון זײַן באַצוולטן לערער. ער וויל אײַנשטילן דעם היציקן פֿעדער אויף כּלערליי אופֿנים. ער לויבט זײַנע חיבורים און איז אים גרייט צו קריינען פֿאַר בן־זאבֿס יורש, דעקלאַרירט זיך פֿאַר זײַנעם אַ הייסן פֿרײַנד – און אַלץ כּדי צו פּועלן בײַ פֿעדערן, ער זאָל צוריקציִען זײַן געפֿערלעכן כּתבֿ־יד, וואָס איז עלול צו פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש לעפֿינען. אָבער דער אמת איז, אַז ביק פֿאַרטראָגט ניט פֿעדערן, און אַ סך יאָרן נאָך דעם וויכּוח מיט אים האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן אויף אים אַ הארץ.[35] אָבער מיט קאָמפּלימענטן און העפֿלעכע ווענדונגען איז ביק ניט יוצא. ער פּרוּווט אָנווענדן מער איבערצײַגנדיקע אַרגומענטן. ער וואָרנט פּשוט פֿעדערן מיט אומאָנגענעמע רעזולטאַטן פֿאַר אים, אויב ער וועט זיך דערוועגן צו פֿאַר־עפֿנטלעכן זײַן חיבור.[36] ער שרעקט אים מיט דער דערמאָנונג פֿון „שׂרי העמים", וואָס געהערן אויך צו לעפֿינס פֿאַרערער. „די דאָזיקע, דערהערנדיק,

---

34 „הלשון הקדמון הזה [עבֿרית], עודו לבֿדו חיי רוחנו אחר שנתפזרנו בארבע כּנפֿות הארץ ובאיים רחוקים, ורק הוא הקשר המקשר אותנו להיות לאחדים לפֿני אדון עולם ולפֿני דרי ארצו המשתנים חדשים לבֿקרים בלשונם במנהגם בדתם ובמוסרם".

זע: כּרם־חמד I, מכתבֿ כ"ב פֿון יאָר תקפ"ח.

35 כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער דאָזיקער באַציִונג זײַנען ביקס ווערטער פֿון יאָר 1827 (מכתבֿי עבֿרית, ז' 123): „המשורר ר' טובֿיהו פֿעדר ע"ה היה שנוא בעולמו על מנהגו לקשקש בחרבֿ מליצתו על ירכו, כּדרך שר עשרה בחיל העמים (הצָשר בחיל הוגגאריא) — בעת חלף עבֿר על פּני דמיונו מתנגד או פּוגם".

36 „ואם תוציא השנינה הזאת לאור בדפֿוס, המסובֿבֿים ממנה רבים יוכלו לחיות, ומהם מזיקים לך איש יקר"; זע: כּרם־חמד, I, ז' 96.

אַז דו האָסט פֿאַרמיאוסט זייער באַליבטן אַזוי ווי איינעם פֿון די מינערווער־טיקע, וועלן דאָך צערענען אויף דיר און וועלן ניט שווײַגן, ביז וואַנען זיי וועלן זיך ניט נוקם זײַן פֿאַר זײַן [לעפֿינס] שאַנד". [37] עס איז אויך מעגלעך, אַז די בראָדער נכבדים האָבן זיך משתדל געווען פֿאַר זייער ליבלינג בײַ דער רעגירונג. אויף דעם איז מרמז פֿעדער אַליין אין זײַן ענטפֿער ביקן: „איר האָט זיך אַלע פֿאַרבונדן קעגן מיר אָפּצושרעקן און צעטומלען מיך דורך דעם מושל". [38] ביקס בריוו איז אָנגעקומען צו פֿעדערן קיין באַרדיטשעוו ערשט אין דרײַ חדשים אַרום — דורך אַ ייִד אַ למדן ר' נחום אַשכּנזי, [39] אָבער אין משך פֿון די דרײַ חדשים האָט פֿעדער באַקומען בריוו פֿון לעפֿינס פֿאַרערער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען זײַן קריוודע און געזידלט פֿעדערן. וועגן אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון אַ בראָדער נגידס אַ זון, — פֿול זידלערײַען און באַליידיקונגען — דערציילט פֿעדער אַליין מיט פֿאַרביטערונג. [40]

אָבער ביקס בריוו האָט געמאַכט אויף אים אַ רושם און ער האָט תּיכּף געשריבן אַן ענטפֿער. פֿעדער הייבט אָן זײַן בריוו מיט העפֿלעכקייט־ווענדונגען צו ביקן און טיפֿער אַכטונג, אָבער באַלד דערוועקט זיך אין אים דער געבאָרענער פּאַמפֿלעטיסט, ער בייזערט זיך אויף ביקן, באַנוצט זיך מיט אויפֿגעבלאָזענע פֿראַזעס, שטעלט זיך אין דער פּאָזע פֿון אַ קעמפֿער. אָבער דער שטורעם איז גאָרניט אַזוי געפֿערלעך. פּלוצלונג ציט זיך דער בראַווער קעמפֿער צוריק און איז גרייט וואַרפֿן זײַן כּתבֿ־יד אין פֿײַער אַרײַן, אויב מען וועט אים נאָר דעקן די הוצאות, וואָס ער האָט אַרײַנגעלייגט אין דרוקן זײַן חיבור. און ביק זאָל טאַקע האָבן אים באַצאָלט 100 רובל, כּדי ער זאָל זײַן כּתבֿ־יד ניט פֿאַרעפֿנטלעכן. [41]

אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז ביק אַליין איז באַווירקט געוואָרן דורך זײַן געגנער ליטעראַריש. אין ביקס סאַטירישן בריוו צום משורר משה הכּהן זײַנען קענטיק רעמיניסצענצן פֿון דער לעקטור פֿון „קול מחצצים". [42]

דער וויכּוח אַרום דער „משלי"־איבערזעצונג האָט געפֿונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור. על־פּי־רובֿ האָט מען גערעכט געגעבן לעפֿינען און ביקן זײַן פֿאַרטיידיקער. שוין אין יאָר 1827 האָט לעטעריס אַרויסגעזאָגט די

37 דאָרט, ז' 97.

38 דאָרט, ז' 100.

39 דער דאָזיקער נאָמען ווערט בלויז געבראַכט אין „המאסף לשנת תקמ"ד", ווין 1862. אין „כּרם־חמד" זײַנען בלויז דערמאָנט איניציאַלן.

40 כּרם־חמד I, ז' 101.

41 כּרם־חמד I, מכתּבֿ ב"ב. למשל דער דאָזיקער פֿראַגמענט: „ונשמע שם המולה גדולה, עי באה השמועה שתסע לחינה ללמוד מלאכת הרפֿואה. משודרי ישורון צעקו תוצה, וויזעל ולוצאטו מר בכו; והקדמונים והאמצעים והאחרונים, כּלם שמו פניהם ורצו אל שער ההיכל לבקש בתחנונים מניעת כּונתך".

42 די דאָזיקע ווערסיע איז נאָך ניט באַשטעטיקט. פּראָפֿ' קלויזנער, היסטוריה של הספֿרות העבֿרית החדשה I, ז' 218, איז שטאַרק מסופּק אין דעם.

דאָזיקע מיינונג.[43] מענדל מאָהר, דער אַרויסגעבער פֿון „קול מחצצים", איז גאָרניט מסופק מכּוח דער נוציקייט פֿון דער „משלי"־איבערזעצונג פֿאַר די פֿאָלקס־מאַסן.[44] באַזונדערס צייכנט זיך אויס אַ. ב. גאָטלאָבער מיטן קאַטעגאָרישן טאָן זײַנעם. ער אידענטיפֿיצירט זיך מיט לעפֿינס שטרעבונגען דורך דער איבערזעצונג צו „עפֿענען די אויגן פֿון פֿאָלק און עפֿענען זײַן האַרץ פֿאַר פֿאַרשטאַנדיקייט".[45] ביק איז אין זײַנע אויגן אַן ענוו און אַ מענטש מיט אַ ריין האַרץ. אַ קעגן זשע פֿעדער איז אַן עזות־פּנים וואָס „זײַן שפּראַך איז ווי דער כּעס פֿון אַ שלאַנג, און זײַן פֿעדער — אַ געשאַרפֿטע שווערד גרייט צו שעכטן".[46] ד"ר שלמה רובין פֿאַרגלײַכט לעפֿינס איבערזעצונג צו מענדלסאָנס חומש־איבערזעצונג –ביידע זײַנען געמאַכט געוואָרן, כּדי צו ברענגען נוצן דעם פֿאָלק. אויך דער אויסקלײַב פֿון די משלים אין „משלי" איז נאָענט צו דעם פֿאָלקס־כאַראַקטער.[47] כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער דאָזיקער שטימונג בנוגע לעפֿינס ווערק איז אויך דער אופֿן פֿון אַנאַנסירן די „קהלת"־איבערזעצונג, וואָס איז אַרויס אין אָדעס 1873: „קומט לאָמיר זאָגן אַ דאַנק דעם חכם דעם אַרויסגעבער פֿאַר זײַן באַמיִונג אָפּצודרוקן אויך די „קהלת"־איבערזעצונג."[48]

## III

עטלעכע יאָר נאָך דעם דאָזיקן וויכּוח – 1817 – טרעפֿן מיר ביקן אין דער ראָלע פֿון אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פֿון אַ צײַטשריפֿט מיטן נאָמען „עולת שבת", וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן נאָר בכּתב. צווישן די מיטאַרבעטער איז אויך געווען מענדל לעפֿין.[49] אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך דער משׂכּילים־קרײַז אין בראָד אויסגעברייטערט. אין 1818 איז געקומען

---

43 לטריס — מכתבים, לבוב תקפ"ז. אין דער הערה צו פֿעדערס בריוו זאָגט ער: „ובלי פגוע בכבודו של היקר פדר, אימר אני פי יצא לריב מהר, בלי שפוט מישרים ברות גכון את פעולת המתרגם". ז' י"ז.

44 „ולא אפוגה כי רב התועלת אשר יצא לעם הארץ מהעתקת רמ"ס את ס' משלי בלשונם הבלולה", קול מחצצים, 1853, ז' 10.

45 המגיד, 1873, ז' 364.

46 דאָרט.

47 „וכמו שהרמבמ"ן העתיק את התורה ללשון ארצו ולתועלת העם, כן העתיק הרמ"ל משלי וקהלת ללשון ארצו להועל לבני המון עמו. והמבין דבר לאשורו אם ישים עין בוחנת ובודקת בתרגום משלי להרמ"ל, עד מהרה יכיר ויתבונן גודל כחו של הרמ"ל להעמיק תכונת המשלים אשר יסודותם מכורותם ומולדתם בין אנשי המון העם", — נגה ירח, טרנופול, 1874: העפֿט ר—ח, ז' 28—29, הערה 2.

48 ... אז רבים מחכמי דורו צוהו עליו [על לפין] על זה שלא תרגם בשפה צחה ברצוי, אך הזמן הוציא צדקתו לאור כי גם זו דרך נכונה להרחיב גבול הדעת בין המון העם. ע"פ בואו ונחזיק טובה להחכם המו"ל על השתדלותו להדפיס גם את תרגום . . החכם הנ"ל על קהלת". — זע: בשורת ספרים, המגיד, 1873, ז' 299.

49 Gelber, Aus Zwei Jahrhunderten, p. 56.

אַהער יצחק ערטער און האָט זיך גלייך באַפריינדעט מיט ביקן.[50] אויך דער וואַנדערנדיקער משכּיל שמשון בלאָך, דער מחבר פון „שבילי עולם", איז געווען פאַרבונדן מיט אים אין אמתער פריינדשאַפט. אין יאָר 1821, ווען בלאָך איז געזעסן אַ פאַראייניזאַמטער אין זאַמאָשטש, גיסט ער אויס פאַר ביקן זיין ביטער האַרץ: „כאיל אל אפיקי מים וכיונה אל ארובותיה כן נכספה גם כלתה נפשי לנעימות חברתך ידיד נבחר! מתי אבוא ואראה משוש לבי! מתי אשבעה בהקיץ תמונתך הנעימה לי... אתה בחנת לבבי אתך, ערום הוא נגדך, תדעני לא מתמול שלשום... אתה ידעת את המחשבות אשר אני חושב".[51] ער זוכט שוץ ביי דעם השפּעהדיקן פריינד קעגן די בראָדער משכּילים וואָס פאַלן אָן אויף אים. בלאָך האָט צו אים דעם פולסטן צוטרוי. פון בלאָכס בריוו אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז ביק, דער מאַן מיטן פילנדיק האַרץ און אויפמערקזאַמען אויער פאַר יעדער מר-נפש. „מיין טייערער - ענדיקט בלאָך זיין בריוו - זאָלן מיינע רייד זיין נאָר פאַר דיר אַליין. זאָלן זיי ניט באַוווּסט ווערן פאַר אַ שלעכטן מענטשן... נאָר דו אַליין קענסט דאָך די נשמה פון אַן אומגליקלעכן... ווייל דו אַליין האָסט דאָך אויך געקרענקט און פון כּוס מיט גיפט געטרונקען, און דעריבער, מיין ברודער, אַן אָח לצרה ביסטו מיר".[52] און ביק שטעלט זיך איין פאַר זיין פריינד. ער באַמיט זיך שלום מאַכן צווישן אים און ערטערן, וועלכער האָט זיך געפילט באַליידיקט פון בלאָכס אַ בריוו, און פאַרענטפערט אים.[53] אין זיין בריוו לויבט ביק בלאָכן דעם שריפטשטעלער: „און אַלץ וואָס גייט אַרויס פון אונטער דיין פעדער איז ווערט אויסגעקריצט צו ווערן... פאַרן לעצטן דור - לזכרון אין גאָטס היכל".[54] ער רופט בלאָכן זיך אומצוקערן פון זיינע וואָגלענישן קיין גאַליציע, און דאָרט וועט ער געפינען אַ פריינדלעכע אַטמאָספערע, פול פאַרשטענדעניש פאַר אים.[55] ווי ס'זעט אויס, האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַן אמתער, קעגנזייטיקער פריינדשאַפט. און ווער האָט זיך געקענט פאַרשטעלן, אַז נאָך דעם אַלעמען וועט בלאָך - אין ניין יאָר אַרום בערך — אָנפאַלן אויף זיין פריינד אַזוי בייז? — אָבער די דאָזיקע תקופה איז אַ באַזונדער קאַפּיטל אין ביקס לעבן.

דערווייל איז נאָך ביק אַ מענטש מיט אַ תקיפותדיקער שטעלונג, און גלייכצייטיק אַ געטרייער משכּיל. אין יאָר 1821 זאָגט ער וועגן זיך: „ביי

---

50 „הנה כי כן דבקה נפשו [של ארטר] באמונת גם אחרי אוהביו הנכבדים... אחרי החכם היקר וסופר מהיר מו"ה יעקב שמואל ביק" — לעטעריס אין אריינפיר צו „הצופה לבית ישראל", ז' XIII.

51 זע: אוצר הספרות, IV ז' 258 און ווייטער.

52 דאָרט.

53 מכתבי עברית, 1886, ז' 126.

54 דאָרט ז' 125.

55 דאָרט.

מיר אין הויז איז שלום ושלווה. מײַן פּרנסה געפֿין איך אין מײַן אַרבעט״.[56] זײַן איידעם (ווײַזט אויס עוזר ראָטנבערג, דער מאַן פֿון ביקס טאָכטער הינדע, וואָס האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1811) לערנט וויסנשאַפֿטן אין דער רעאַל־שול און די תּלמידים, וואָס דערציִען זיך דאָרט, זײַנען באַפֿרייט פֿון מיליטער־דינסט״.[57] בײַ דער געלעגנהייט איז כּדאַי קלאָר מאַכן אונדזערע ידיעות וועגן ביקס איבעריקע בני־בית. אויסער דער טאָכטער הינדע האָט נאָך ביק געהאַט אַ בן־יחיד, וואָס איז צוזאַמען מיט אים יונג געשטאָרבן בעת דער כאָלערע־מגפֿה.[58] געלבער דערציילט נאָך וועגן אַ צווייטער טאָכטער, מירל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן בראָדער רבֿ אַריה־לייב תּאומים, דעם מחבר פֿון די ספֿרים „אילת אהבים" און „יעלת חן".[59] אָבער געלבער האָט זיך פּשוט טועה געווען.[60] מען קען בלויז אָננעמען, אַז דער דאָזיקער אַריה־לייב תּאומים איז געווען ביקס אַ קרובֿ.

אויף וויפֿל ס'איז באַוווּסט, האָט ביק פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע חיבורים אין דרוק ערשט אין יאָר 1823. ס'איז געשטאָרבן דעמאָלט דער גאַליצישער גובערנאַטאָר פֿראַנץ פֿאָן הויער, און די משׂכּילישע שרײַבערס האָבן אים באַקלאָגט אין באַזונדערע חיבורים (שי"ר און לעטעריס למשל). ביק האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ קינה אויף דער דאָזיקער טעמע מיטן נאָמען „דמעות לזכרון יש"ר", לעמבערג תּקפּ"ג. מער אינטערעס האָט פֿאַר אונדז ביקס אַרטיקל וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין לעטעריס' „הצפֿירה" תּקפּ"ד – אונטערן נאָמען „אל משׂכּילי בני עמנו". דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן אין גײַסט פֿון דער מעסיקער השׂכּלה און פֿאַרנעמט זיך בעיקר מיט דער פֿראַגע פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע. ביק איז געשטאַנען נאָענט צו דער רעדאַקציע פֿון „הצפֿירה", און אין דער הקדמה פֿאַררעכנט אים לעטעריס — צוזאַמען מיט י. ל. מיזעס און אַנדערע – צו די אַקטיווע מיטאַרבעטער, וואָס ווערבירן אַבאָנענטן און נעמען אָן בריוו פֿאַר דער רעדאַקציע. אָבער שוין נאָכן דערשײַנען פֿון ערשטן נומער „הצפֿירה" האָט זיך ביק דערווײַטערט פֿון דער „הצפֿירה" און איר רעדאַקטאָר. צו דעם האָט בעיקר גורם געווען דער אַרטיקל פֿון מיזעסן, וואָס

---

56 דאָרט.

57 דאָרט.

58 שיר"ס בריװ אין „זכרון לאחרונים", ז' מז.

59 Aus dem Pinax des alten Judenfriedhofes in Brody, Jahrbuch der Jüd.-Lit. Gesellschaft, p. 139, n. 2.

60 אין דער הקדמה צו די אויבן דערמאָנטע ספֿרים, וואָס זײַנען ביידע אַרויס אין יאָר 1802, דערמאָנט טאַקע תּאומים, אַז זײַן שווער איז דער גבֿיר שמואל ביק, אָבער ער האָט געהאַט אין זינען אַן אַנדערן, וואָס האָט געלעבט אַ סך פֿריִער פֿאַר אונדזער ביק. ער שרײַבט דאָרט וועגן אים בזה הלשון: „וזאת אות על גודל צדקתו ששנים רבות אחרי פטירתו לא ימוש עוד זכרון מפי זקנים ונערים כאלו יום אתמול הלך לעולמו". — ער דערציילט דאָרט אויך, אַז זײַן פֿרוי מיכלי [און ניט מירל!] איז שוין געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט זין און טעכטער. — און דאָס אַלץ אין יאָר 1802.

איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן צוזאַמען מיט ביקס אַרטיקל. מיזעס פֿאַלט דאָרט שאַרף אָן אויף די פּוילישע ייִדן און זייער פֿאַנאַטיזם. דער דאָזיקער אָנפֿאַל מיזעסעס האָט אַרויסגערופֿן אַן אויפֿרעגונג בײַ די לעזער פֿון „הצפירה". באַזונדערס האָט זיך געפֿילט געטראָפֿן ביק, דער נאַציאָנאַליסט, און זינט דעמאָלט האָט ער זיך באַצויגן צו מיזעסן מיט אָפֿענער פֿײַנטשאַפֿט. אין אַ בריוו באַקלאָגט זיך ביק: „זאָג נאָר, ווי זאָל מיר ניט טון דאָס האַרץ, און ווי זאָל איך ניט קרעכצן פֿאַר יעדער צוהערער... ווען כ'זע אַ העפֿט, וווּ דו האָסט אַוועקגעשטעלט נעבן אַ מאַמר צו ישׂראלס כּבֿוד, זידלרייד פֿון מענטשן וואָס פֿאַרמיאוסן די ייִדישע רבנים און נאָר בײַ די גויִם געפֿינען זיי גוטס... מענטשן וואָס מאַכן אויפֿזידן דאָס בלוט פֿון זייערע ברידער און ברענגען זייער פֿאָלק אין אַ צושטאַנד פֿון קדחת". [61] די באַציִונגען מיט מיזעסן זײַנען נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן נאָכן דערשײַנען פֿון זײַן „קנאת האמת". אין אַ בריוו צו שי"רן פֿון יאָר 1829 רופֿט אים ביק דאָן־קיכאָט, וואָס די פּוילישע ייִדן זײַנען בײַ אים ליגנערס און אַלץ וואָס קומט פֿון דײַטשלאַנד איז בײַ אים אָנגעלייגט. [62] אָבער ביק האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם. ער האָט זיך געווענדט צו שי"רן, ער זאָל אויך אַרויסגיין קעגן מיזעסן. [63] ביק, וואָס איז בטבֿע געווען אַן אוהבֿ־שלום, האָט שפּעטער געזוכט אַ געלעגנהייט איבערצובעטן זיך מיט מיזעסן. וועגן דעם דערציילט שי"ר: „אויך אין די דאָזיקע צײַטן [תקפ"ט], ווען דו ביסט געווען דאָ [אין לעמבערג], ביסטו אַרומגעלאָפֿן ווי אַ אינד אַהין און אַהער, האָסט זיך אַרומגעדרייט איבער די געמאַרקן און גאַסן און געזוכט דעם מחבר פֿון „קנאת האמת", און ס'האָט דיר פֿאַרדראָסן, וואָס דו האָסט אים ערשט אָפּגעפֿונען אין עטלעכע טעג אַרום, כּדי דו זאָלסט זיך קענען פֿאַרענטפֿערן פֿאַר אים וועגן עפּעס אַ קלייניקייט". [64]

## IV

אין די יאָרן 1824—26 האָט ביק איבערגעזעצט אַ היפּשע צאָל ווערק פֿון דער פֿראַנצייזישער און ענגלישער פּאָעזיע. זײַנע איבערזעצונגען האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין „בכורי העתים". [65] ביק האָט ניט נאָר געשריבן אַליין לידער, ער האָט אויך געשטיצט יונגע פּאָעטן און זיי צוגעגעבן חשק צו שאַפֿן. יעדערער, אין וועמען עס טליִעט בלויז אַ פֿונק פֿון פּאָעטישן טאַלאַנט, איז ראוי מען זאָל אים שטיצן. און אַזוי שרײַבט ער צום אומבאַקאַנטן דיכטער

---

61 זע: מכתבֿי־עבֿרית, ווין 1886, ז' 123.

62 זע: אוצר הספֿרות, III ז' 27 בריוו ג'.

63 שי"ר שרײַבט צו ביקן: „נשכחתי על פי מעטתי ברמזים נגד בעל קינ"ח האמת" — השחר, IV ז' 480.

64 דאָרט.

65 מיר חזרן זיך נאָך צו זיי אומקערן באַזונדער.

משה הכהן: [66] „און ווען מען פון אונדזער פאָלק וועט ניט ווי טאָן דאָס הארץ, ווען ער זעט אַזאַ מענטש ווי דו, וואָס די נאַטור און די וויסנשאַפטן האָבן אַזוי פיל מי אַוועקגעלייגט דיך צו מאַכן פאַר אַ ייִדישן משורר, ווען ער זעט... אַז דו קערסט זיך אָפּ צו אַ פרעמדן ענין פאַרן פאָלק? אויף דעם דאָזיקן אָנוווער וועט זיך מצער זײַן יעדער משׂכּיל". צו די דיכטער, וואָס ביק האָט געשטיצט מאַטעריעל, געהער יצחק־נחמן פישמאַן. ביק האָט אים געהאָלפן אַרויסגעבן זײַן ערשטן באַנד לידער א"נ „אשכול ענבים", לעמבערג תקפ"ז. ביק האָט אָפּט קאָרעספּאָנדירט מיטן יונגן אָנפאַנגער. [67] די אויבן דערמאָנטע לידער־זאַמלונג איז געהייליקט ביקן, די דעדיקאַציע לכּבוד אים לייענט זיך אַזוי: „מנחה שלוחה לכבוד גבר חכם בעוז הדרת נבונים ותפארת מליצים זך הרציון ונקי דעת חכמתו את צנועים איש אפרתי נצר נחמד מגזע קדושים" וכו'. [68] אויף דער אַנדער זײַט איז נאָך פאַראַן אַ ליד לכּבוד ביקן, און דאָרט שטרײַכט פישמאַן אונטער זײַן צוטרוי צו אים:

„אך לך ערכתי שירתי
בל לאנשי לצון". —

דער דאָזיקער צוטרוי קומט אויך צום אויסדרוק אין דעם מחברס הקדמה. ער ווייס, אַז ביק וועט ריכטיק אָפּשאַצן דעם ווערט פון זײַנע לידער און ניט אָפּשפּאָטן פון אים. [69] אָבער פאַר פישמאַנען איז ווייניק ביקס מאַטעריעלע אונטערשטיצונג. ער ווענדט זיך צו אים מיט דער פאַר־בעטונג צו באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער לידער־זאַמלונג מיט אייגענע לידער. ביק, וואָס האָט דעמאָלט געטרויערט אויפן טויט פון זײַן מוטער, זאָגט אים פון דעסט וועגן ניט אָפּ: „און נאָר כּדי אויסצופאָלגן דײַן ווילן שרײַב איך איבער מיט אַ צעבראָכן האַרץ עטלעכע פערזן... כּדי דו זאָלסט זיי קענען אַרײַננעמען אין דײַן לידער־זאַמלונג". [70] אין אָט דעם משורר האָט ביק זיך געניאַרט. עס איז אַ שטיקל חידוש, ווי אַזוי ביק, אַ מענטש מיט אַ פײַנעם חוש פאַר דיכטונג, האָט ניט געשפּירט, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ נאָכמאַכונג אָנשטאָט מיט אַן אָריגינעלער שאַפונג. פישמאַן האָט פּשוט פּלאַגיִרט די לידער־זאַמלונג „דברי שיר" פון לעטעריסן (זשאָלקווע תקפ"ג), און כּמעט אויף יעדער זײַט געפינען זיך רעמיניסצענצן און גאַנצע פראַגמענטן פון זײַנע לידער. [71] דער דאָזיקער פאַרזען ביקס שטאַמט פון

---

66 כּרם־חמד I, ז' 81.

67 פישמאַן באַמערקט: „כּאשר כתבת באחד ממכתביך אלי", אשכול ענבים, ז' ח.

68 דאָרט, ז' ג.

69 „קצרה עין בחינתי לשפוט על פּכּח [על ערך השירים], לכן אליך יקיר ערך ממתנדבים בעם לשפט כּל יקר, אליך אקרא ואשים מלתי". דאָרט, ז' ה.

70 דאָרט, ז' קי"א.

71 דאָס איז שוין באַמערקט געוואָרן אין: Literaturblatt des Orients, X, ז' 634, און פּראָפעסאָר י. קלויזנער באַשטעטיקט עס. זע: היסטוריה של הספרות העברית החדשה, II, ז' 374.

זײַן פֿרײַנטלעכער באַציִונג צו אַנהײבערס. ער זאָגט אַלײן אין אַ בריוו: „ס'איז אַ װוּנדער אין דײַנע אױגן, װאָס איך האָב געשריבן אַ בריוו צו אַ יונגן מאַן, װאָס איז נאָך אומגעניט אין מליצה... דו װײסט דאָך גאַנץ גוט, אַז ס'איז ניט מײַן שטײגער צו פֿרעגן מיט גאווה, װער איז דאָס און פֿון װאַנען איז ער דער מאַן, װאָס האָט זיך דערװעגט צו שרײַבן צו מיר". [72]

## V

די יאָרן 1825—26 זײַנען אַן איבערגאַנגס־צײַט פֿאַר ביקן. ער לײַדט צװײ אַבֿידות. עס שטאַרבט זײַן מוטער, און ער קען זיך ניט טרײסטן איבער איר טויט. און חוץ דעם איז אין יאָר 1826 געשטאָרבן זײַן פֿאַרער־טער לערער מענדל לעפֿין, װאָס צו אים האָט ער זיך געפֿילט שטאַרק צוגע־בונדן. אין דער זעלביקער צײַט שטײט ביק פֿאַר אַן אידעאָלאָגישן קריזיס. װען ביקס לערער און װעגװײַזער מענדל לעפֿין האָט נאָך געלעבט, איז ביק געװוען באַװירקט דורך זײַן אַנטי־חסידישער אָריענטאַציע. אין די פֿריערדיקע יאָרן, פֿאַר 1826, איז נאָך ביק לגמרי װײַט פֿון סימפּאַטיזירן מיטן חסידיזם. אויף דער חתונה פֿון זײַן טאָכטער אין יאָר 1811 װיצלט מען זיך אויפֿן חשבון פֿון די חסידים און זײערע צדיקים, און ביק האָט פֿון דעם הנאה. דאָרט דיסקוטירן צװישן זיך חסידישע און מתנגדישע געסט, און ביק באַמערקט װעגן דעם: „אויך האָטן װיר גישפּרעכי במסיבת בעשטנים געפּפלגט דיס אונז פֿילע פֿריידי מאַכטן. אײנר האָט אונז מגלה גיװעזין, שגם התורה והמצוות ומעשים טובים אינם מועילים לנחלת עולם הבא, כי אם זכות משמים, או לחטוף זכות מאותו צדיק שיש לו זכות לעוה"ב. התורנים שהיו שמה בשמעם זאת נבהלו משמוע". [73] ער האָט אויך הנאה פֿון דעם בדחן „דער זעהר גוט נאָך אַהמטי אונטר אנדרן אײנין בעשטיאַנישן רבן אין עקסטאַסי תּורתם בניגון זאָגענד". [74] ביק אַלײן האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפֿע סאַטירע קעגן חסידיזם, װאָס איר אינהאַלט איז צו אונדז ניט דערגאַנגען. דעם כּתבֿ־יד האָט ער אָפּגעשיקט צו יוסף פּערלען.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז ביק איז לכתּחילה װײַט פֿון חסידישע שטי־מונגען. דער אומבײַט איז געקומען װי אַ פּראָטעסט קעגן די מעשׂים פֿון זײַנע פֿרײַנד די משׂכּילים, װאָס האָבן ניט איבערגעקליבן אין מיטלען בײַם באַקעמפֿן דעם חסידיזם. די מסירה־בקשות פֿון זײַנע פֿרײַנד יוסף פּערל און

72 מכתבֿי־עבֿ־ית, ז' 124. מעגלעך, אַז די דאָזיקע װערטער זײַנען שײך צו פּישמאַנען, „אשכּול ענבֿים" איז אַרויס דאָרט מנחם אָבֿ תּקפּ"ז, און דער בריװ האָט די דאַטע כ"א אלול תּקפּ"ז.

73 ביקס בריװ צו לעפֿינען, יִװוּאָ־בלעטער, II ז', 343.

74 דאָרט.

י. ל. מיזעס קעגן די חסידים זייַנען אים ווייַזט אויס געווען באַקאַנט. און דער פֿאַקט, וואָס זשאַנדאַרמען האָבן צעטריבן אַ חסידישן מנין בעתן דאַוונען ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דער משׂכּילישער שתּדלנות,[75] איז בלויז מסוגל געווען אָפּצושטויסן ביקן, דעם מאַן מיטן וואַרעמען יידישן האַרץ און וואַכן געוויסן.

ווען האָט ביק זיך דערנעענטערט צום חסידיזם? די דאַטע, וואָס עס נעמען אָן ש. בערנפֿעלד,[76] א. מ. ליפֿשיץ[77] און מ. ווייַסבערג, איז דאָס יאָר 1815. אָבער די דאָזיקע דאַטע שטאַמט פֿון אַ טעות; בערנפֿעלד און די איבעריקע האָבן פֿעסטגעשטעלט די דאָזיקע דאַטע, שטיצנדיק זיך אויף שי״רס בריוו „נר מצוה“, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תּקע״ה (1815) צו אַ פֿרייַנד, וועלכער איז געוואָרן אַ חסיד.[78] בערנפֿעלד איז לגמרי ניט מסופּק דערין, אַז דער בריוו איז געווענדט צו ביקן,[79] און שעפּט פֿון אים, צוזאַמען מיט ליפֿשיצן, ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל וועגן ביקן. אָבער ניט געקוקט אויפֿן קאַרגן מאַטעריאַל וועגן ביקן בכלל, מוזן מיר זיך אָפּזאָגן פֿון דעם אויבן דערמאָנטן מקור איבער דעם פּשוטן טעם, וואָס דער בריוו האָט גאָר קיין שייַכות ניט צו ביקן. ביקס גאַנצע משׂכּילישע טעטיקייט נאָך דעם יאָר 1815 בלייַבט פֿאַר אונדז אומפֿאַרשטענדלעך, אויב אין 1815 זאָל ער זייַן געוואָרן אַ חסיד. מחמת דעם איז כּדאַי זיך גענויער אָפּצושטעלן אויף אייניקע פּרטים, כּדי קלאָר צו מאַכן דעם פֿאַקט, אַז „נר מצוה“ איז געשריבן געוואָרן צו אַן אַנדערן. אויפֿן בריוו שטייט געשריבן: „דבֿרי אגרת אל איש צעיר לימים גדול בתורה ומפֿואר ביחוש, אשר נתחסד זה זמן מעט וישׂם חלקו עם אנשים המכנים עצמם חסידים מאת אוהבֿו ומיודעו איש עצתו בשנת תּקע״ה“. ביק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1770 אָדער 1772, און אין יאָר 1815 איז ער אַלט געווען 45 אָדער 43 יאָר. שוין אין 1811 האָט ער חתונה געמאַכט זייַן טאָכטער. אַקעגן זשע שי״ר איז דעמאָלט געווען אַלט 25 יאָר (1790). עס לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל, אַז דער יונגער מאַן שי״ר זאָלן אָנרופֿן ביקן דעם חשובֿן עסקן, וואָס איז עלטער פֿון אים אויף גאַנצע 20 יאָר — „איש צעיר לימים“. די דאָזיקע יונגקייט פֿון דעם אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט ווערט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן.[80] עס לאָזן זיך ברענגען נאָך ראַיות, אַז עס קאָן ניט

---

[75] M. Bałaban, Dzieje Żydów w Galicji, Lwów 1914, p. 100—102.

[76] תּולדות שי״ר.

[77] החרמון, ד׳, ז׳ 81.

[78] פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך שי״רס זון אין „נחלת יהודה“, קראָקע 1868.

[79] תּולדות שי״ר ז׳ 14, ז׳ 19, ז׳ 132.

[80] ווי למשל דער זאַץ: „אולי ישמעו הנערים אשר כּגילך וימנעו מלכת עוד באורח הרע ההוא“. אָדער: ... „יאחזו צעירים וחכמי לבֿ כּמוך בדרכי החסידות“, „נר מצוה“, ז׳ 10. דער דאָזיקער יונגערמאַן, דערווייַסן מיר זיך, איז אַ רבֿס אַ זון און האָט גרויסע ידיעות אין תּלמוד. מען האָט פֿון אים שטאַרק געהאַלטן. צום סוף איז ער זיך מישבֿ געוואָרן און געוואָרן אַ חסיד. מעגלעך, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז דער וועלביקער, וואָס ווערט דערמאָנט אין שי״רס אַ בריוו „לאיש משׂכּיל תּורני ומושלם

געמאָלט זײַן, אַז ביק זאָל שוין אין 1815 זײַן אַריבערגעגאַנגען צום חסידיזם. יצחק ערטער, וואָס איז געקומען קיין בראָד אין 1818, האָט זיך גוט צונויפ־געלעבט מיט ביקן. און וואָלט ביק שוין דעמאָלט געהאַט פאַרלאָזט די השׂכּלה, וואָלט ערטער, דער עקסטרעמער פײַנד פון חסידיזם, זיך ניט געחבֿרט מיט אים. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ מיט שמשון בלאָכן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר שטאַרק פרײַנדשאַפטלעכן טאָן, איז פון די יאָרן 1821–23. נאָך אין יאָר 1821 דערציילט ביק וועגן דערשײַנען פון „מגלה טמירין" און ערגערט זיך גאָרניט איבער זײַן בפירוש אַנטי־חסידישער טענדענץ.[81] ביק איז נאָך דעמאָלט ווײַט פון חסידיזם, הגם ער איז ניט געווען קיין מאָל אַזאַ פאַרבי־סענער שונא פון אים ווי די איבעריקע משׂכּילים פון זײַן צײַט. כאַראַקטע־ריסטיש ביז גאָר פאַר ביקס שטעלונג צום חסידיזם איז זײַן בריוו צו לעפינען — אין יאָר תקע"ט (1819) — ווו ער דערציילט וועגן אַ באַגעגעניש מיט אַן עלטערן ייִדן „איין אָנהענגער דער בעשטיאַנישן סעקטי. איך האַבע מיך ניכט שינירט אין זיינר געגנוואַרט אין איינין בוכי צו לעזין. דאָך גימערקט האַט ער דאַס איך טולעראַנט בין אונד ביי גילעגענהייט איהם דאראַן צו איבער צייגין האַבי איך איהם דען קראַם מחיבורים של הכיתה הנ"ל הנמצאים תחת ידי אויס גיפאַקט, להראות לו שאני איני מתירא לעַיין בהם... כמו שהוא מתירא לעיין בספר גן נעול שהי׳ מונח על שולחני".[82]

דער איבערגאַנג צו חסידיזם, איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1825–26.[83] די דאָזיקע דאַטע באַשטעטיקט אויך שמשון בלאָך אין זײַן בריוו צו ביקן

---

מוה"רר יהודה נ"י" (פאַרעפנטלעכט בײַ לעטעריסן אין מכתבים, תקפ"ז, לעמבערג, ז׳ מג—מח; מכתבי־עבֿרית, 1856, כּרם־חמד ז׳ 75—77). אויפן צוזאַמענהאַנג צווישן דאָזיקן בריוו אין דעם „נר־מצוה" האָט שוין אָנגעוויזן ב. וואַכשטיין אין HPW, ז׳ 175, הערה 5. — דער דאָזיקער בריוו איז אויך געשריבן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר, און דאָרט דערציילט שי"ר אויך וועגן זײַנעם אַ תּלמיד, אַן עילוי, וואָס איז נכשל געוואָרן און געוואָרן אַ חסיד. שי"ר איז ממש פאַריאושט און באַקלאָגט זיך פאַר יהודהן, דעם בחורס חבֿר: „אהה! מרובֿ שיחי וכעסי דברתי עד הנה, רעה הקימותי לי מקרבֿ ביתי, תלמידי (הוא הנער המשׂכּיל הנודע לך מהרובשובֿ) גם עצמי ובשׂרי אשר בו התפארתי עד הנה, רוח החסידות נוססה בו (כּפי אשר הוגד לי) וגהפך לאיש אחר, צר לי על עמלי שעמלתי זמן רבֿ לרוח, עוד לא אוכל לתת אמון לדבֿרים האלה, אחלי ידידי! חקור ודרוש היטבֿ אולי שקר ענה המגיד ונחמתני מיגוני, ובזאת תדע, הנה זה ירחים כּתבֿתּי לו אגרת תוכחה והזהרתיו בל ילכד ברשת המתחסדים, כּאלו העתיד רחף כּנגד עיני... בקש מאתו כּי ישלח לך האגרת ההיא או העתקה, כּי באמת יקרה ומועלת תּהיה לך".

81 ער שרײַבט צו בלאָכן: „מן הסתּם שמעת כּבֿר מן ספֿר מגלה טמירין המגלה ספֿוני טמוני למודי הבעשטנים ורובֿ דרכיהם". מכתבֿי־עבֿרית ז׳ 126.

82 פאַרעפנטלעכט דורך ש. פרידמאַן אין „פון נאָענטן עבֿר", העפט 4, ז׳ 261.

83 ווי עס באַמערקט אויך י. וויַנלעז, העולם 1928, לז, לח, און לעצטנס אין „יוסף פערלס ייִדישע כּתבֿים", ז׳ XXXV.

פון יאָר תּק״ץ (1830). 84 בלויז אויף אַזאַ אופן לאָזט זיך אויפקלערן ביקס טעטיקייט און זײַן אידעיִשע געשטאַלט ביזן יאָר 1826.

## VI

די ספקות בנוגע דעם ווערט פון דער השׂכּלה־באַוועגונג זײַנען געוואַקסן, און ווי עס ווײַזט אויס, האָט ביק זיך געלאָזט הערן וועגן דעם פאַר זײַנע פרײַנד, די משׂכּילים. אין איינעם פון זײַנע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנט־לעכט, באַקלאָגט ער דעם טויט פון דעם חסידישן רבי ר׳ אײַזיק פון קאָמאַרנע, 85 און דאָס דאָזיקע ליד האָבן אים די משׂכּילים אייביק ניט געקענט מוחל זײַן, — ווי עס גיט איבער ג. באַדער. 86 ביק פלעגט אויך פאַרצייכענען זײַנע מיינונגען אין זײַן ספר־הזכרונות און האָט געגעבן עס לייענען זײַנע חבֿרים. אָבער זיי האָבן עס ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק און געהאַט אויף אים תּרעומות. ביק באַקלאָגט זיך אויף דעם אין אַ בריוו צו שי״רן פון יאָר תּקפ״ט: „און איר זײַט אָנגעפאַלן אויף מיר מיט אַ שטאַרקן און מעכטיקן קול, און מיך, וואָס האָט באמת ליב אָנצוצינדן ליכט אין הייליקן היכל, האָט איר דערקלערט פאַר שולדיק און אַוועקגעשטעלט אין דער פינצטער אויף די גרענעצן פון תּורה און חכמה״. 87 ביקס פרײַנד זײַנען געווען דעמאָלט ווײַט פון טאָלעראַנץ לגבי זייער חבֿר. די השׂכּלה־באַוועגונג אין גאַליציע איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ שווערן און פאַריאושטן קאַמף מיטן רבנישן פאַנאַ־טיזם און בעיקר מיטן חסידיזם, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקן געגנ־נער. עס האָבן זיך דעמאָלט געמערט די משׂכּילים, וואָס האָבן זיך געלאָזט מיטרײַסן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אָדער זיי האָט ניט געקלעקט קיין מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן. אויף דעם באַקלאָגט זיך באַזונדערס שי״ר בײַ יעדער געלעגנהייט. דעריבער האָט זיי טאָפּלט ווי געטאָן די דערווײַטערונג פון אַזאַ חשובֿער פּערזענלעכקייט ווי ביק, און זײַן שריט איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בגידה אין די משׂכּילישע אידעאַלן. זיי האָבן זיך באַמיט איצט אים אין גאַנצן צו איזאָלירן.

צו ביקן איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז יוסף פּערל האָט בדעה צו פאַר־עפנטלעכן איצט אַ סאַטירע, וואָס ער, ביק, האָט אים צוגעשיקט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין כּ״י, און אַזוי אַרום אָנצופאַלן אים. מיט פּערלען איז ער געווען גוט באַפרײַנדט אַ סך יאָרן. אין 1811 שרײַבט ער אין אַ בריוו: 88

84 „בעוד לפני שש שנים, בעת החלו עיניך רק להיות כהות, ואם לא גם אז מכרת את ספר המורה מהרת לבער את הקודש הזה מהבית, למען לא יתיצב בין ספרי ההוללים, אשר בעת נגד עיניך״ — „המאסף לשנת תקמ״ד״, ווין, ז׳ ק״פ.

85 „אשכול ענבים״, ז׳ קיא—קיב.

86 מדינה וחכמיה, ז׳ 36.

87 אוצר הספרות, III, ז׳ 25.

88 יִחוּס־בלעטער, II, ז׳ 343.

„מייבן גרוס אַן ה' פערל נ"י. איך דאַנק איהם פיר זיינר צושריפט באגרת לר' ישראל בודק, וואָס איך פיר אים פילע, ווייסט ער וויססן זי". און ווען ביקס מוטער איז געשטאָרבן, האָט אים פערל צוגעשיקט אַ גאַר וואַרעמען טרייסטבריוו. [89] איצט אָבער זיינען אָנגעשטאַנען אַנדערע צייטן. ביק בעט זיך ביי פערלען, ער זאָל ניט פאַרעפנטלעכן דעם אויבן דערמאָנטן כתב-יד. אין זיין ענטפער [90] לייקנט פערל אָפּ די גאַנצע מעשה. ערשטנס איז דער דאָזיקער כתב-יד פאַרפאַלן געוואָרן ביי אים, און צווייטנס איז ער ניט נוהג אָנצוווענדן אַזעלכע מעטאָדן. אים אַרט ניט, אויב צו די טויזנטער חסידים, וואָס פאַר-פולן דאָס לאַנד פוילן, וועט צוקומען נאָך איינער. ער וווּנדערט זיך, פאַר וואָס מען רודפט ביקן איבער גאָרנישט, און הייסט אים זיין רויק. אָבער הגם פערל פאַרזיכערט אים אויך איצט אין זיין פריינדשאַפט, פילט זיך אַרויס פון זיינע רייד אַ צוריקגעהאַלטנקייט און אַן אַנטוישונג אין ביקן.

איינער נאָכן אַנדערן פאַרלאָזן ביקן זיינע חברים. מיט מיזעסן האָט ער שוין פריִער ניט געלעבט אין גאַנצן בשלום. איצט ווענדט זיך מיזעס צו אים און פרוווט אים נאָך מחזיר למוטב זיין. [91] אין דעם בריוו צו אים באַ-קלאָגט זיך מיזעס אויף דעם, וואָס ביק ענטפערט אים ניט אויף זיינע בריוו. עס זיינען דערגאַנגען צו אים קלאַנגען, אַז ער, ביק, האָט זיך באַהאָפטן צו די פיינד פון חכמה און שכל, און ער האָט גאָרניט געקענט גלייבן אין דער טרויעריקער בשורה. „וויל ווער זאָל עס גלייבן אויף אַזאַ מאַן ווי דו, וואָס פון זיין יוגנט האָט ער זיך געמיט צו זוכן און פאָרשן אין חכמה און געפונען גרויס פאַרגעניגן אין פאָרשונג?" [92] ער האָט באַקומען פון ביקן אַ בריוו, ווו ער פאַלט שטאַרק אָן אויף דער פילאָסאָפיע, און מיזעס איז ממש נשתומם: „אַז איך האָב געלייענט דאָס ערשטע מאָל דיין בריוו, בין איך אַזש אַנטשטומט געוואָרן". ער האָט אים געלייענט צוויי און דריי מאָל און ערשט דעמאָלט האָט ער געגלייבט, אַז דער בריוו שטאַמט פון זיין פריינד. מיזעס פאַרטיידיקט די וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע און ענדיקט זיין בריוו מיט דער האָפענונג, אַז „אפשר וועסטו פאַרשטיין, וועסט זיך אומקערן און געהיילט ווערן, וועסט זיך אָפּקערן פון נאַרישן וועג און גיין מיט די משכילים ווי אין אָנהייב". [93]

---

89 זע: חיינלעז, העולם, 1928 נ' לז, לח, אין „יוסף פערלס יידישע כתבים", ז' XXXVI.

90 דאָרט, ז' XXXVI.

91 זע: „מכתבים", לטריס, לעמבערג תקפ"ז [די דאָזיקע אויסגאַבע איז ביי פרידבערגן ניט דערמאָנט און געפינט זיך אין דער ירושלימער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק], בריוו טז, געחתמעט י. ל. מ. — פראָפ' י. קלויזנער איז מיט רעכט משער, אַז דער דאָזיקער בריוו איז געווענדט צו ביקן (זע: היסטוריה של הספרות העברית החדשה, II, ז' 268). דאָס איינציקע וואָס רופט אַרויס אַ ספק איז דער הערציקער טאָן פון בריוו. אָבער מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער דאָזיקער בריוו איז נאָך געשריבן פאַר תקפ"ז.

92 דאָרט, ז' נג—נד.

93 דאָרט, ז' נד.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל זײַנען די באַציִונגען צווישן ביקן און שי״רן אין דער דאָזיקער תּקופֿה. שי״ר איז נאָך געווען ביקס פֿרײַנד אין די יונגע יאָרן. חילוקי־דעות צווישן זיי זײַנען שוין דעמאָלט געווען, אָבער דאָס האָט ניט משפּיע געווען אויף זייער פֿרײַנדשאַפֿט. אָבער ביקס לעצטער שריט האָט גורם געווען צו זייער קעגנזײַטיקער דערווײַטערונג. זייערע חילוקי־דעות פֿאָרמולירט שי״ר אין זײַן ליד: „דבֿרי אגרת לריע אהובֿ בספֿר זכרונו״,[94] די פּראָבלעם איז די גרענעצן צווישן דאָס נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע. שי״ר איז להיפּך צו ביקן נוטה צו דאָס אַלמענטשלעכע. פֿאַר אים זײַנען אַלע גלײַך. ער איז גרייט איבערצונעמען דאָס גוטע פֿון דײַטשן, פֿראַנצויזן אָדער טערקן, און עס אַריבערטראָגן אין דער העברעיִשער שפּראַך.

די באַציִונגען צווישן שי״רן און ביקן ווערן אונדז קלאָר פֿון אַ מער זיכערן מקור, דאָס איז זייער בריוואויסבײַט. אין אלול תּקפּ״ז[95] איז שוין שי״רן באַוווּסט וועגן זײַן פֿרײַנדס סימפּאַטיע פֿאַרן חסידיזם. ער ווילט זיך אויפֿן חשבון פֿון די חסידים, וואָס האָבן געגנבֿעט לאָמפּן בעת דער סעודה בײַם זידאַטשעווער רבין. ביק איז ניט מסכּים מיט אַזאַ באַציִונג צו די חסידים. מ׳טאָר ניט מזלזל זײַן דעם כּבֿוד פֿון זידאַטשעווער רבין, וואָס איז דער מנהיג פֿון הונדערט טויזנט ייִדן.[96] דער טאָן אין די בריוו ווערט אַלץ מער אָנגעצויגן. יעדערער באַקלאָגט זיך אויף דער אומטאָלעראַנץ פֿונעם צווייטן. עס קומען באַליידיקונגען און פֿערזענלעכע אָנפֿאַלן פֿון ביידע צדדים. באַזונדערס איז שי״ר ניט איבערקלײַבעריש אין ווערטער און עפּיטעטן.[97] שי״רן איז פֿרעמד און אומפֿאַרשטענדלעך ביקס ליבע צו די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, וואָס האָט אַריבערגעשפּאַנט אַלע גרענעצן. זײַן שטעלונג איז אַ טיפּיש משׂכּילישע. ער האַלט זיך אויף אַ דיסטאַנץ לגבי דעם פֿאָלק. די פֿאָלקסמאַסן דאַרף מען טאַקע בילדן און ברענגען ליכט צו זיי, אָבער ער וויל זיך ניט אידענטיפֿיצירן מיט זיי און אַרײַנפֿאַלן אין התפּעלות פֿאַר יעדן שוטה און משוגענעם. „אַקעגן זשע דו און דײַן קאָמפּאַניע – וואַרפֿט ער פֿאָר ביקן — זײַט איר פּונקט פֿאַרקערט; איר חנפֿעט יעדער רשע און בעל־תּאווה... איר

94 פֿאַרעפֿנטלעכט אין „בכּורי העתּים״, תּקפּ״ח, ז׳ 278—81. ש. בערנפֿעלד און פּראָפֿ׳ קלויזנער זײַנען משער, אַז דאָס ליד איז באַשטימט פֿאַר ביקן (זע: ציט׳ ווערק). אָבער ס׳איז ניט מעגלעך מסכּים צו זײַן, אַז דאָס ליד האָט שי״ר געשריבן „עוד בשחר ילדותו״ (זע: בערנפֿעלד, „דור חכם״, ז׳ 10). די פֿאָרװורפֿן, אַז ביק איז קעגן דער איבערזעצונג פֿון אייראָפּעיִשע שאַפֿונגען אויף העברעיִש, קאָנען דאָך ניט האָבן קיין שײַכות צו ביקן דעם פֿלײַסיקן איבערזעצער פֿון ענגליש, פֿראַנצייזיש אין די יאָרן 1824—25. די דאָזיקע פֿאָרװורפֿן וועלן אונדז ערשט זײַן פֿאַרשטענדלעך, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז דאָס ליד איז געשריבן אין די יאָרן 1826—27.

95 זע: אוצר הספֿרות, III, ז׳ 25: אָפּטײלונג „אורות מאופֿל״.

96 זע: ביקס ענטפֿער פֿון י׳ אלול תּקפּ״ט, דאָרט, ז׳ 28.

97 למשל אַזאַ בלומענשפּראַך: „מעת אשר התחברת לבעלי הנקיות (בלשון סגי־נהור) נעשית בעל זבֿל ואשפּה [!] עד כּי לא יבֿינך עוד שום מעין, ואפֿשר גם אתּה בעצמך״, דאָרט.

הרגעט, רצחנט און שילט יעדערן, וואָס שטעלט זיך קעגן אײַערע וועגן".[98] שי"ר וואַרפֿט אויף ביקן אַלע מיאוסע מעשׂים פֿון די חסידים און באַטראַכט אים שוין פֿאַר איינעם פֿון זיי. שי"ר איז זיך מרחם אויף זײַן בלאָנדזשעגדיקן פֿרײַנד און בעט גאָט פֿאַר אים, ער זאָל אים אָפּרייניקן די מחשבֿות פֿון יעדער צעטומלעניש. ער, שי"ר, איז גרייט צו לײַדן פֿון אים אַלע משוגעתן זײַנע, ווײַל ער האָט אים נאָך פֿון דעסט וועגן ליב, אָבער אין אַ ווײַטערדיקן בריוו[99] רופֿט ער אים אָן „זלידנע פּליג" און איראָניזירט אויף זײַן חשבון. מכּוח ביקס אַ קשיא אין תּלמוד שפּאָט שי"ר: יעקבֿ, וואָס טוסטו דאָ בײַ די תּלמודישע הלכות, דײַן אָרט איז דאָך גאָר בײַ „ליקוטי יקרים" און „נועם אלימלך"![100] נאָר באַלד פֿאַרזיכערט ער ביקן, אַז ער האָט אים נאָך ליב צוזאַמען מיט אַלע חסרונות זײַנע. „איך ווייס, אַז דו ליבסט אויף אַן אמת דײַן פֿאָלק... אָבער דו האָסט ביז איצט געטאַפּט אַ סך אַהין און אַהער פֿאַרבלאָנדזשענדיק פֿונעם וועג, ביז וואַנען דו ביסט געקומען צו אַן ענגן שטעג, וועלכן דו באַטראַכטסט אין דײַן בלינדקייט פֿאַר ברייט און פּרוכפּעריק". וואָס שייך דעם חסידיזם, ווערט שי"ר ניט נתפּעל פֿון די מאַסן אָנהענגער זײַנע. ניט דאָס איז דער עיקר. זײַן השפּעה וועט פֿאַרשווינדן ווערן פֿון ייִדישן לעבן, פּונקט ווי ס'איז געשען מיט אַנדערע סעקטעס.[101] דער פֿאַרביטערטער און אויסגעלאַכטער ביק ענטפֿערט מיט כּעס. ער באַשולדיקט שי"רן אין גאַנצן סיכסוך. ער האָט איבערגעדרייט מיט אַ כּוונה זײַנע רייד. באַזונדערס קאַטעגאָריש קעמפֿט ביק פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון וואָרט: „ווער האָט דיר געגעבן די קראַפֿט אָפּצונעמען בײַ אַ פֿרײַען מענטשן דעם אויסקלײַב און פֿרײַהייט צו ריידן פֿאַר דיר וואָס עס טוט זיך בײַ אים אין האַרצן". ער האָט זיך שוין מיאש געווען פֿון גאַנצן וויכּוח מיט שי"רן און האָט ניט קיין חשק אים ווײַטער צו פֿירן.[102] ער וויל מיט אים בכלל ניט האָבן מער צו טון און ער צעשיידט זיך מיט אים „מיט אַ קרעכץ, גייט אַוועק מיט אַ געוויין און חתמעט זיך מיט אַ טרער".[103] דער דאָזיקער וויכּוח צווישן ביק און שי"ר איז ווײַט געווען פֿון אָביעקטיווקייט. ביידע צדדים האָבן ניט געוואָלט מוותּר זײַן אויף זייערע איבערצײַגונגען. דערצו נאָך דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט דעם אַלגעמיינעם פֿאָן פֿון דעם דאָזיקן וויכּוח – די פֿאַרביסענע שׂינאה צווישן השׂכּלה און חסידות, און פֿון דאַנען דער שאַרפֿער טאָן בײַ ביידן.

נאָך דעם דאָזיקן בריוו האָט זיך נאָך שי"ר אַלץ ניט געקענט באַרויִקן. עס פֿאַרדריסט אים אויף ביקן און ער באַדויערט וואָס עס האָט זיך ניט

98 דאָרט, ז' 30.

99 פֿון מרחשון תּק"צ, השחר IV, ז' 482.

100 דאָרט, ז' 484.

101 דאָרט, ז' 486—488.

102 אוצר הספֿ־ות, IV, ז' 263.

103 דאָרט, ז' 268.

אײַנגעגעבן אָפּצוראַטעווען אים: „אַז דו זעסט דײַן ברודער, ביז איצט אַ קלוגער און טײַערער מענטש, ווערט פּלוצלונג געשטויסן צום ראַנד פֿון גרוב פֿון נאַרישקייט און האַלט בײַם אַרײַנפֿאַלן; דו שטרעקסט אויס דײַן האַנט נאָך אים און קענסט אים ניט אָפּראַטעווען... איין וואָרט האָט ער... וועגן אַהבֿת־ישׂראל רעדט ער אַ גאַנצן טאָג, און זי וואָרצלט אויס פֿון אים די מענטשן־ליבע". ביק איז געגליכן צו „חורבֿות פֿון אַ שיינעם היכל".[104]

אויך אַזאַ ווערטפּולער פֿרײַנד ווי רנ"ק הייבט זיך אָן פֿאַרהאַלטן מיט רעזערוו צו ביקן. רנ"ק האָט פֿון שטענדיק אונטערגעשטראָכן זײַן פֿאַראַכטונג צו די חסידים — די „רייכערנדיקע האָלאָוועשקעס" — וועלכע מען דאַרף רודפֿן בײַ יעדער געלעגנהייט. אָבער די דאָזיקע אײַנשטעלונג רנ"קס איז ביז איצט ניט געווען קיין שטער פֿאַר ביקס פֿרײַנדשאַפֿט מיט אים. ווען רנ"ק האָט שוין געוווינט אין זשאָלקווע, פֿלעגט ער זיך נאָך אָפֿט אַראָפּכאַפּן אין זײַן געבוירן־שטאָט בראָד, כּדי צו פֿאַרברענגען אין לעפֿינס און ביקס געזעלשאַפֿט. ביק האָט געפֿירט מיט אים אַ קאָרעספּאָנדענץ. אין תּקע"א האָט ער צוגעשיקט רנ"קן אַ כּתבֿ־יד, אַוודאי צום אָפּשאַצן.[105] אין יאָר תּקפּ"א פֿאָרט ביק אויף דער חתונה פֿון רנ"קס טאָכטער מיט ד"ר נאָטע הורוויץ — „זיך פֿרייען מיט אים, ווי דער מנהג פֿון רעכטפֿאַרטיקע פֿרײַנד".[106] נאָך אין יאָר תּקפּ"ט זאָגט ביק וועגן זיך, אַז רנ"ק שאַצט אים און קען גוט זײַן כאַראַקטער.[107] די ערשטע צײַט נאָכן פֿאַרלאָזן די משׂכּילישע רייען האָט זיך נאָך ביק באַגעגנט מיט רנ"קן און שי"רן, דיסקוטירט מיט זיי, און ווי בלאָך דערציילט, באַליידיקט דעם כּבֿוד פֿון ווילנער גאון.[108] חוץ דעם האָט ביק זיך מתוכּח געווען מיט זיי וועגן דעם ווערט פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע. און אין אַ בריוו פֿון יאָר תּק"צ בערך וואָס ער האָט געשיקט צו רנ"קן, פֿאַלט ער אָן אויף אים, שי"רן און שמשון בלאָך דערפֿאַר, וואָס זיי געפֿינען זיך אונטער דער השפּעה פֿון דער קאַנטישער פֿילאָסאָפֿיע, וואָס איז לויט זײַן מיינונג אין סתּירה מיט די פּרינציפּן פֿון ייִדישקייט.[109] רנ"ק האָט, ווײַזט אויס, ניט געענטפֿערט אויפֿן דאָזיקן פֿאָרוווּרף. אָבער שמשון בלאָך האָט אָנגעשריבן אַ באַריכותדיקן בריוו, אָנגעפּיקעוועט מיט מראי־מקומות און פֿערזענלעכע זילזולים אויף ביקן, כּדי זיך אָנצונעמען די קריוודע פֿון אַריסטאָטעלעס און קאַנט. בלאָך זאָגט אַפֿילו, אַז „אים איז לײַכטער פֿאַרשעמט צו ווערן איידער עמעצן צו פֿאַרשעמען",

---

104 שי"ר אין אַ בריוו צו אַ יונגן פֿרײַנד, כּרם־חמד, I, ז' 83.

105 ייִוואָ־בלעטער, II, ז' 343.

106 מכתבֿי־עבֿרית, ז' 126.

107 זע: אוצר הספֿרות, III, ז' 28.

108 בלאָך שרײַבט: „לבי עליך מעת ספרו לי רע. הנזכרים [שי"ר ורנ"ק] אשר נוכח פניהם הקלות בכבוד הגאון והחסיד האמתי מהרא"א מווילנא זצ"ל, ותששני להם מתמאת על כי לא קרעו". — המאסף לשנת תקמ"ר — של לטריס, ז' קסג.

109 דאָ"ט, ז' קסה.

נאָר דאָס מאָל, ווען ער הערט שקרים פֿון אַ מענטשן ווי ביק, קען ער שוין ניט שווײַגן. שי״ר און רנ״ק האָבן אויף דעם ניט רעאַגירט, ווײַל בײַ זייערע באַשעפֿטיקונגען זײַנען זיי שוין געוווינט געוואָרן צו הערן כּל מיני ליגנס און נבֿלות. אָבער ער, בלאָך, איז בטבֿע אַ יושבֿ־אוהל און איז ניט געוווינט צו אַזעלכע פּירונגען, דעריבער איז ער אַרויס ענטפֿערן דער ערשטער.[110] אין דער אמתן איז אָבער קאָנט בלויז אַן אויסרייד פֿאַר בלאָכן, כּדי צו קענען בעסער אָנפֿאַלן אויף זײַן געוועזענעם פֿרײַנד. די באַציִונגען צווישן זיי זײַנען שוין זינט עטלעכע יאָר געווען אָנגעצויגן. אין אַ בריוו צו שי״רן פֿון יאָר תּקפ״ט[111] טאַדלט ביק בלאָכן, דערפֿאַר וואָס ער האָט באַליידיקט די פּוילישע ייִדן און אָפּגעשפּאָט פֿון ייִדישן פֿאָלק. ביק לאַכט דאָרט אויס אויף אַ גראָ־טעסקן אופֿן בלאָכס שוואַכקייט צום ריידן און זײַן אויבנאויפֿיקע למדנות. ביק האָט טענות צו שי״רן, פֿאַר וואָס ער טרעט אויך ניט אַרויס קעגן מחבר פֿון „שבֿילי עולם״.[112]

בלאָך צאָלט אָפּ איצט ביקן כּפֿל־כּפֿלים. ער איראָניזירט אָן אויפֿהער אויף זײַן חשבון. ער שטעלט זיך איבן פֿאַרן כּבֿוד פֿון ווילנער גאון, וועלכן ביק האָט געזאָלט באַליידיקן און באַמערקט דערבײַ מיט שפּאָט, אַז מסתּמא איז ביקן ניט באַקאַנט די גרויסקייט פֿון דאָזיקן מאַן, ווײַל ער האָט זיך ווייניק געפֿלײַסט איבערן תּלמוד און פּוסקים. בלאָך געזעגנט זיך איצט מיט זײַן געוועזענעם פֿרײַנד: „און פֿון איצט זײַ זיך מיר געזונט און גיי זיך אין דײַן וועג... מיר האָבן ניט בדעה דיך אָפּצוּווענדן אַפֿילו אויף אַ שריט פֿון דײַן וועג, און אונדזער מיינונג איז, אַז פֿון דײַן געבאָרן אָן ביסטו צוגעגרייט און ראוי צו זײַן דאָס וואָס דו ביסט בײַ הײַנטיקן טאָג״. ער עצהט אים ווײַטער זיך צו האַלטן בײַם שקר, אָבער זיי דרײַ, ד״ה בלאָך, שי״ר און רנ״ק, וועלן בלײַבן געטרײַ דעם אמת.[113] עס איז אַ ספֿק, צי בלאָכס צוויי גרויסע חבֿרים האָבן אים געגעבן רשות צו ריידן אויך אין זייער נאָמען, אָבער ס'איז לײַכט משער צו זײַן, אַז אַזאַ בריוו איז געווען בכּוח אַראָפּצודריקן ביקס שטימונג. איצט איז ער געווען אין גאַנצן פֿאַרלאָזט פֿון זײַנע אַלע יוגנט־חבֿרים, און אין דעם נײַעם לאַגער איז שווער געווען צו געפֿינען זייערס גלײַכן. די דאָזיקע געדריקטע שטימונג איז זיכער געקומען צום אויסדרוק אין ביקס טאָגבוך, אָבער צום באַדויערן איז ער פֿאַרלאָרן געגאַנגען. דער איינציקער פֿרײַנד, מיט וועמען ביק האָט זיך איצט דער־נעענטערט, איז געווען דער רײַכער יונגערמאַן פֿון באָלעכאָוו שלמה־לייב גאָלדנבערג, דער קומענדיקער רעדאַקטאָר פֿון „כּרם חמד״. גאָלדנבערג האָט

---

110 דאָרס, ז׳ קפ — קפא.

111 אוצר הספרות, IV, ז׳ 266.

112 זע שי״רס בריוו צו ביקן, השחר IV, ז׳ 481: „תעקצני גם עתה על שתיקתי נגד בעל שבילי עולם ותבקש כי אתאנה עליו בפני עם ועדה״.

113 דאָרס, ז׳ קפב.

זיך באַצויגן צו ביקן מיט גרויס דרך־ארץ, ווי אַ תּלמיד צו זײַן רבין. ער זאָגט אַליין: „ס'איז זייער טײַער אין מײַנע אויגן יעדער בריוו אָדער אַרטיקל, וואָס איז אַרויס פֿון דער דאָזיקער שלימותדיקער האַנט [ביקס]".[114] ער קאָרעספּאָנדירט אָפֿט מיט ביקן. אין יאָר 1830 איז געשטאָרבן גאָלדנבערגס עלטסטער זון, און ביק האָט צו אים געשריבן אַ וואַרעמען טרייסטבריוו, ער זאָל זיך שטאַרקן איבער זײַנע געפֿילן און פֿאַרגעסן דעם אומגליק. „דאָס איז די עצה פֿון דײַן פֿרײַנד וואָס האָט דיך ליב און וויל, דו זאָלסט זיך טרייסטן... ווײַל דורך דײַן אומגליק איז אים אויך שלעכט".[115]

די לעצטע יאָרן זײַנע האָט ביק גאַרנישט פֿאַרעפֿנטלעכט, הגם ער האָט ווײַטער געשריבן. ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן צו פֿילאַנטראָפּישער עסקנות, און יעדער מר־נפֿש פֿלעגט זיך ווענדן צו אים נאָך הילף.

אַזוי איז ער זיך למשל מרחם אויף אַ פֿאַרלאָזטער עגונה, וואָס איר מאַן איז אַנטלאָפֿן קיין מעץ, און שרײַבט בריוו צו די דאָרטיקע רבנים, זיי זאָלן צווינגען דעם מאַן, איר צו געבן גט. ביק נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן דעם מצבֿ פֿון דער דאָזיקער פֿרוי, „וואָס גייט אײַנגעבויגן פֿון גרויס מי און צער... און אירע אויגן גיסן טרערן אָן אויפֿהער".[116]

אויך איצט געדענקט נאָך ביק וועגן זײַן פֿאַרשטאָרבענעם פֿרײַנד לעפֿין. ער פֿילט זיך מחויבֿ מקיים צו זײַן זײַן פֿאַרלאַנג און אַרויסצוגעבן די איבערזעצונג פֿון „מורה־נבֿוכים". ער קלײַבט פּרענומעראַנטן און גיט אָפּ צום דרוק דעם כּתבֿ־יד. אָבער פֿאַרענדיקן עס האָט ער שוין ניט זוכה געווען. ערשט נאָך ביקס טויט האָט זײַן איידעם עוזר ראַטנבערג צוזאַמען מיט ישעיה פֿינקלשטיין פֿון בראָד אַרויסגעגעבן דעם „מורה נבֿוכים", אַרום 1831 בערך.[117]

אין יענער צײַט איז גאַליציע געפּלאָגט געוואָרן פֿון דער כאָלערע־מגפֿה, וואָס האָט געזייט פֿאַרוויסטונג צווישן דער באַפֿעלקערונג. יצחק ערטער, וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין געבן מעדיצינישע הילף די חולאים, באַזינגט די דאָזיקע מגפֿה אין פֿערזן:

„חלי־רע באה אלינו מאפסי קדים
בהרף תחתוף הלומיה בסופה וקדים
חתום טבעה לא נודע עקבותיה".[118]

גאָלדנבערג און שי"ר טיילן מיט אין זייערע בריוו צו שד"לן וועגן דער מגפֿה און שד"ל ענטפֿערט: „עס פֿאַרדריסט מיר זייער אויף דער שלעכטער קרענק, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין דײַן לאַנד, זאָל גאָט רחמנות האָבן

114 פּרם־חמד, II ז' 131, הערה צום בריוו י"ט.
115 פּרם־חמד, I ז' 60.
116 פּרם־חמד II, ז' 131, בריוו י"ט.
117 זע די הקדמה פֿון מרדכי סוכאָסטאַווער צו דער אויבן דערמאָנטער איבערזעצונג, זשאָלקווע 1829 [1831?], ז' א.
118 „שיר לכבוד הרופא יוסף בעררעס", אין „הצופה לבית ישראל", ז' 137.

אויף די אָנגעזעענע צווישן אײַך". 119 און זײַן פֿרײַנד שי"ר רעקאָמענדירט ער אַ ספּעציעלע רפֿואה, כּדי זיך צו פֿאַרהיטן פֿון אָנצונעמען זיך מיט דער קרענק. „און אויב די דאָזיקע רפֿואה געפֿינט זיך אין דײַן לאַנד, אײַל זיך און רייניק דײַן גוף און דעם גוף פֿון דײַנע בני־בית". 120

די מגפֿה האָט גורם געווען צו אַ יקרות אויף עסנוואַרג און די אָרעמע באַפֿעלקערונג האָט געהונגערט. ביק – דער מענטש מיט אַ וואַרעמען האַרץ – איז ניט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער באַשפּײַזונג פֿון די הונגעריקע. די מנהיגים פֿון דער קהילה האָבן זיך צוגעהערט צו זײַן עצה, ווי אַזוי צו פֿאַרשפּרייטן וואָלוול עסן, לויט אַ רעצעפּט פֿון אַן ענגלישן גראַף. אַ דאַנק דער דאָזיקער עצה האָט זיך אײַנגעגעבן צו זעטיקן די הונגעריקע אין בראָד. 121

עס זײַנען קוים אַריבער זעקס וואָכן און ביק אַליין איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער מגפֿה צוזאַמען מיט זײַן אייניציקן זון. ער איז געשטאָרבן אין בראָד י"ט סיון תּקצ"א (1831).

דער טראַגישער טויט פֿון יעקבֿ־שמואל ביק האָט געמאַכט פֿאַרגעסן צווישן די משׂכּילים זייערע אידעיִשע חשבונות מיט אים, און זיי האָבן זיך שטאַרק מצער געווען אויף דער דאָזיקער אֲבֵידה. שי"ר באַקלאָגט ביקס טויט אין אַ בריוו צו שד"לן: „מדי דברי בי נשבר לבי בקרבי כי גם עליו עבר כוס הזעם... ועוד הולך וחזק קול יללת המדינה כי שדדה תפארתה, וכאבי נעכר כי שודד מני ידיד נבחר ויקר" 122 און מרדכי סוכאָסטאָווער באַדויערט אויפֿריכטיק: „והנה נאסף גם הוא אל עמיו, אבד חסיד מן הארץ וישר באדם אין". 123

אין איין צײַט מיט ביקן איז געשטאָרבן זײַן קרובֿ דער בראָדער רבֿ אַריה־לייב תּאומים און דער צווייטער רבֿ אלעזר סגל לנדא. 124 אין אַ חודש אַרום בערך נאָך ביקס טויט, ט"ז תּמוז, איז אויך געשטאָרבן דער לעמבערגער משׂכּיל י. ל. מיזעס, ביקס אַמאָליקער גוטער פֿרײַנד, און דער גורל האָט גע־וואָלט, אַז ווידער זאָלן זייערע נעמען געדרוקט ווערן איינער לעבן צווייטן, ווי אַ מאָל אין לעטעריס' „הצפֿירה", אין דער קינה, וואָס אַבֿרהם נאַטקעס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אויף זייער ביידנס טויט א"נ „דמעות לישרים", זשאָלקווע תּקצ"א. 125

---

119 אגרות שד"ל, י"ז תמוז תקל"א, ז' 191.

120 דאָרט, ז' 199.

121 זע: ביקס בריוו צו נאָלדנבערגן, ג' ניסן תקצ"א. כרם חמד I, בריוו טז.

122 זכרון לאחרונים, ז' א.

123 אין דער הקדמה צו לעפֿינס „מורה־נבֿוכים"־איבערזעצונג, ז' א.

124 N. M. Gelber — Aus dem Pinax des alten Judenfriedhofs in Brody, p. 139

125 ליידער ניט נעהען בײַ מיר אונטער דער האַנט.

אויף דער מצבֿה פֿון י.־ש. ביק געפֿינט זיך די אויפֿשריפֿט:[126]

„פ"נ אדם גדול ויקר, הולך בתום / עם אלהים ואנשים דורש טוב לעמו / ולעדתו הרב מוה"ר יעקב שמואל ביק. / אבנים למצבה שבטי יה בחרו / האבנים תמו וזכרונם לעד נשארו / כן מעשי הנטמן פה למאד גברו / האבן הזה ישוב לאין והם יזכרו / נוחי נפש גבוהה מרוב מלחמה / נלחמת עם תשוקות בשר ורוח / גברת על כעס ותענוגי אדמה / ולולא המגפה בזרוע רמה, / כל כלי מות עליך לא הצליח / עתה במרומים עליך אור זרוח".

## VI

אַז מען וויל שרײַבן וועגן ביקס ליטעראַרישער טעטיקייט געפֿינט מען זיך פּשוט אין אַ פֿאַרלעגנהייט. זײַן ליטעראַרישע ירושה וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען איז קליין אין כּמות. גאָלדנבערג האָט אמת צוגעזאָגט די לייענער פֿון „כּרם חמד" אַרויסצוגעבן אַלע כּתבֿים ביקס צוזאַמען מיט אַ גענויער ביאָגראַפֿיע.[127] אָבער אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן מקיים צו זײַן דעם צוזאָג. וועדליג ער דערציילט, זײַנען „אַלע בריוו, שירים און ביכער", וואָס ביק האָט איבערגעלאָזט אין כּתבֿ־יד בײַ זײַן איידעם עוזר ראָטנבערג, פֿאַרברענט גע־וואָרן בעת דער גרויסער שׂרפֿה אין בראָד אין יאָר 1835, ווען עס זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן עטלעכע הונדערט הײַזער. „און דאָס האַרץ טוט מיר וויי, ווײַל איך וועל ניט קענען מקיים זײַן דאָס וואָס איך האָב פֿאַרקלערט", פֿאַר־ענטפֿערט זיך גאָלדנבערג.[128]

מיר מוזן זיך דעריבער צופֿרידן שטעלן מיטן אָרעמען עזבֿון און פּרוּוון לויט דעם רעקאָנסטרויִרן ביקס ליטעראַרישע און אידעיִשע געשטאַלט.

ביקס עיקר פֿאַרדינסט פֿאַר דער העברעיִשער פּאָעזיע זײַנען די איבער־זעצונגען זײַנע. די השׂכּלה־ליטעראַטור האָט אין זײַן צײַט געצויגן איר יניקה פֿון דער דײַטשער סענטימענטאַלער פּאָעזיע. ביק האָט אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן און ער האָט אַרײַנגעפֿירט איבערזעצונגען אויך פֿון דער פֿראַנ־צייזישער און ענגלישער פּאָעזיע, וואָס ער האָט זיי געדרוקט אין די בענד פֿון „ביכּורי־העתּים". דווקא ביק, דער שפּעטערדיקער עקסטרעמער נאַציאָ־נאַליסט, האָט געטאָן אַ סך פֿאַר דער אייראָפּעיִזירונג פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע. עס איז פֿאַר אים ניט געווען קיין צופֿאַל, ער טוט עס אויף אַ סיס־טעמאַטישן אופֿן און מיט אַ כּוונה. אין דער הערה צום ליד פֿון Dissoulier —

126 די דאָזיקע אויפֿשריפֿט איז, ווי מיר דוכט, אין ערגעץ ניט פֿאַרעפֿנטלעכט. כ'האָב זי געפֿונען אויף אַ פֿאָרזאַצבלעטל צו שי"רס „ערך מלין", פּראָג 1852, אין דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק (סיגנאַטור רפּפּורט ערך 296.803 <תרי"ב>). דער טיטל לייענט זיך אַזוי: „מצבֿת ר' יעקבֿ שמואל ביק: נפֿטר במגפֿה ביום ש"ק ס' [י"ט] סיון תקצ"א תנצב"ה".

127 כּרם־חמד, I ז' 81, הערה צום בריוו כ"ד.

128 דאָרט, II ז' 131, הערה צום בריוו י"ט.

„השׂיות"[129], וואָס צייכנט זיך אויס מיט זײַן אַנטיראַציאָנאַליסטישער טענדענץ, דערקלערט ער: — „כל הדעות המועתקים בשיר זה, אינם דעותי, והצגתים, רק למען הראות לבחירי בני עמי הרעיונות של משוררים נכרים". באַקענען מיט די געדאַנקען פֿון פֿרעמדע משוררים דאָס איז ביקס מיין.

ס'רובֿ האָט ביק אויסגעקליבן פֿאַר זײַנע איבערזעצונגען אידיליעס, ווי „הבדידות" פֿון אַלעקסאַנדער פּאָפּ למשל (Ode on Solitude)[130], וואָס דריקט אויס דעם געפֿיל פֿון בענקשאַפֿט נאָך שטילקייט און איינזאַמקייט אין דער נאַטור און פֿון אָפּשטויס פֿון דער רוישנדיקער שטאָט. ווייל איז דעם מענטשן, וואָס לעבט צווישן גערטענער, פֿעלדער און דערנערט זיך פֿון זײַן אייגענער אַרבעט. — אין דעם ליד „הילדות" פֿון Berguin[131] ווערט באַזונגען די קינדערישע תּמימות און די בענקשאַפֿט נאָך די פֿאַרגאַנגענע קינדעריאָרן.

אַ ראַציאָנאַליסטישער טאָן פֿילט זיך אין „התענוג והחכמה" פֿון Sesostris.[132] דער יונגער מלך שלמה פֿאַרלאָזט זײַן ירושלימער פּאַלאַץ און שפּאַצירט הינטער דער שטאָט. בײַ אַ טײַכל טרעפֿט ער צוויי פֿרויען. איינע איז דער סימבאָל פֿון פֿאַרגעניגן, און די צווייטע פֿון חכמה. אַ מלאך ווײַזט אים אָן אויף די דאָזיקע פֿרויען און איז אים מסביר די תּכונות פֿון יעדערער פֿון זיי. נאָך אַ קורצן ישובֿ-הדעת קלײַבט שלמה אויס די חכמה. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז יצחק ערטער האָט זיך געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿון דער דאָזיקער איבערזעצונג בײַם שרײַבן זײַן באַקאַנטע סאַטירע „חסידות וחכמה", וואָס האָט אַן ענלעכע קאָנסטרוקציע.[133]

ביקס ווערדע ווי אַן אָריגינעלער דיכטער איז ניט גרויס. די לידער, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿישמאַנס „אשכול-ענבים", זײַנען גאַנץ פּרימיטיוו. ביק דער איבערזעצער איז נאָך אַ משׂכּיל, אָבער ביק אין זײַנע אָריגינעלע ווערק איז דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליזם און קאָנסערוואַטיווקייט. ער האָט טענות צו די העברעיִשע דיכטערס, וואָס באַזינגען אין זייערע לידער די תּאַווה און שטעלן זיך קעגן דער תּורה: „משתמשים במליצתם לפאר התאות חלקי עפר מלמטה, ולרומם מהפכת סדרי דור ודור, והמתקוממים נגד התורה ולומדיה ומקימיה, המה יבואום מליצתם ממרחק, המטמינים ארס מות תחת שושנים, ומכסים נחשים תחת פרחים נעימים".[134] די אויפֿגאַבע פֿון משורר — זאָגט ביק — דאַרף זײַן צו קלאָגן אויפֿן בראָך פֿון פֿאָלק, ס'איז איצט ניט קיין צײַט פֿאַר סתּם פּאָעזיע. פֿון די הימלען טראָגט זיך איצט אַ געשריי צו די

---

129 בכורי העתים, IV, ז' 88.

130 דאָרט, IV, ז' 3—170.

131 דאָרט, V, ז' 63—65.

132 דאָרט.

133 ביקס „התענוג והחכמה" איז פֿון יאָר תּקפ"ה, אין ערטערס סאַטירע איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין תּקצ"ה.

134 אשכול ענבים, ז' ה.

פּאָעטן: „מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה". מען דאַרף איצט האָבן קלאָגלידער. „אפשר וועט זיך אײַנגעבן מיט שטראָמען טרערן צו פֿאַרלעשן דאָס פֿײַער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברעגעס פֿון יעקבֿס היכלות".[185] בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט אין זעלבן יאָר תּקפּ"ז פֿאָרמולירט ער נאָך דעם דאָזיקן צוועק אין דער פּאָעזיע: „און דײַן מליצה זאָל זײַן ווי אַ כּלי־זין צום נוצן פֿון תּלמידי־חכמים, וואָס בויען יעקבֿס היכלות".[186]

ביק פֿאָדערט אַ פּשוטן, אומגעקינצלטן סטיל, אָן פֿליטערלעך, סײַ אין דער פּאָעזיע און סײַ אין פּראָזע. ס'איז איצט ניטאָ קיין צײַט אויף מליצה. אין צײַט פֿון דער מגפֿה שרײַבט ער צו גאָלדנבערגן: „ולא אבקש להלביש אמרותי במלבושי הצחות, כמוך, יקירי! כי למה לנו פאר בעת שדמעות אחינו נוזלות מעיניהם אשר לנו תלויות לתת טרף לעולליהם ולנפשם העטופות ברעב?"[187]

ס'איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף ביקס באַציִונג צו סאַטירע. כּל־ימיו האָט זיך ביק קעגנגעשטעלט קעגן באַנוצן יעדער מין סאַטירע אָדער פּאַראָדיע. שוין אין זײַן בריוו צו פֿעדערן עצהט ער אים, ער זאָל ניט קומען אין דער פֿאַרזאַמלונג פֿון לצים: „דײַן פֿידל און פֿעדער זאָלסטו דערמיט ניט פֿאַר־שוועכן".[188] אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האַלט ער זיך פֿאַר דער זעלבער מיינונג. אין יאָר תּקפּ"ט שרײַבט ער: „ההיתול והאירוניה נאים למחבלי כרם הש"י ולא למתוקנים בו".[189] אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז ביק אַליין האָט געשאַפֿן אַ געראָטענע סאַטירע, אפשר קעגן זײַן ווילן. אין זײַן בריוו צום אומבאַקאַנטן משורר משה הכּהן, וואָס איז געפֿאָרן קיין ווין שטודירן מעדיצין און פֿאַרלאָזט די פּאָעזיע, ווײַזט ביק אַרויס פֿעִיקייטן ווי אַ פּאַראָדיסט און עלעגאַנטער סאַטיריקער. שוין זײַן פֿרײַנד גאָלדנבערג האָט זיך אָפּגעשטעלט בעיקר אויף ביקן דעם סאַטיריקער און ניט דעם משורר: „ובפרט במלאכת הסאטירע גבר באחיו עד להפליא".[140] באַזונדערס געראָטן איז די פּאַראָדיע אויף דעם משורר פֿון די פּרשיות אין דעם אויבן דערמאָנטן בריוו. י. דאַווידזאָן רעכנט אַרײַן דעם דאָזיקן פֿראַגמענט אין די פּאַראָדיעס אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.[141] ביק האָט נאָך געשריבן אַ סאַטירע קעגן די חסידים – אונטער דער השפּעה פֿון פּערלס „מגלה טמירין", אָבער, ווי געזאָגט, איז זי פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

אין ביקן האָט געטליִעט אַ פֿונק פֿון אַ היסטאָריקער. ער האָט געזאַמלט פֿאַרשיידענע היסטאָרישע דאָקומענטן און אַ פּאָר פֿון זיי, אַ בריוו פֿון דעם

---

135 דאָרט, ז' קיא.

136 מכתבי עברית, ז' 125.

137 כּרם־חמד, I, ז' 68.

138 דאָרט, ז' 98.

139 אוצר הספרות III, ז' 26, בריוו ב.

140 כּרם חמד, I, ז' 18, הערה 2.

141 זע: זײַן Parody in Jewish Literature נ"י, 1907, ז' 211.

ש"ך צום מאַגיסטער וואַלענטין ווידריך, און אייניקע געדאַנקען פון זײַן פרײַנד, דעם בראָדער רבֿ יעקבֿקה לאַנדוי, האָט ער פאַרעפנטלעכט. ער טוט עס, זאָגט ביק, „מחמת עס איז אונדז ליב יעדער בריוו און יעדער דערציילונג, וואָס דערגייט צו אונדז פון אונדזערע גדולים ז"ל". 142

אָן אינטערעסאַנטער איבערבליק איבער דער ייִדישער געשיכטע געפינט זיך אין זײַן אַרטיקל „אל משכילי בני עמנו!" 143 די געשיכטשרײַבונג האָט די אויפגאַבע צו באַדינען דאָס פאָלק און העלפן אים אין זײַן קאַמף פאַר עקסיסטענץ צווישן די פעלקער. „ולמען נדע את אשר ביכלתנו לעשות נשים עין אל דברי הקדמונים לראות משם תהלוכות הזמן ופעולות בני אדם אשר חיו אז, דרכיהם ומדותם, ואת המעשה אשר עשו אז אבותינו, ואם הצליחו להקטין צרתם. על ידי התבוננות הזה [!] יראה לנו הדרך אשר נלך עתה, אחר שנדמה זמן לזמן ואדם לאדם ומעמד למעמד". — ביק באַווײַזט, אַז דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער מצבֿ פון ייִדן איז אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און קולטורעלער לאַגע אין לאַנד. אין אַ עפּאָכע פון פרײַהייט איז די ייִדישע לאַגע לײַכטער, אָבער „ווען די הימלען פון חכמה פאַרוואָלקענען זיך און עס מערן זיך די שלעכטע מדות — — — דעמאָלט הייבט אָן די שנאה צו רודפן דאָס פאָלק ישראל". עס הייבט זיך אָן אַ קולטורעלע ירידה בײַ ייִדן. מען הערט אויף צו שטיצן די לומדים און די ישיבֿות און גיט זיך אָפּ אין גאַנצן דעם מסחר, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער אומזיכערער לאַגע אין וועלכער ייִדן געפינען זיך. דערפאַר קענען זיי זיך ניט אָפּגעבן מיט מלאָכה און ערדאַרבעט („כי לא יכול להתפרנס... בפרנסות שאננות, כמו המלאכה ועבודת האדמה, שבעליהן מקבלים מזונותיהם מיד הבורא בלי אמצע"). אָבער נאָך דער תּקופֿה פון רעאַקציע איז געקומען די פראַנצייזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר ייִדן. אין 1823, ווען דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, זעט נאָך ביק ניט קיין שום סתירה צווישן דער עמאַנסיפּאַציע און נאַציאָנאַליזם. ער האָט נאָך אין זינען אויך די „אַהבֿת האדם" — און באַנוגנט זיך ניט מיט „אַהבֿת ישראל". אין דער דאָזיקער תּקופֿה פון עמאַנסיפּאַציע האָבן זיך צעשפּרייט די וואָלקנס פון נאַרישקייט און אײַנגלייבעניש, און דאָס ליכט פון וויסן האָט גענומען אַרויסשפּאַרן. די בילדונג און וויסנשאַפט פאַרשפּרייטן זיך און באַגליקן אויך דאָס ייִדישע פאָלק. עס האָט אויפגעהערט די רעליגיעזע שנאה, די מענטשן-ליבע קומט אויף איר אָרט און מען הייבט אָן ליב האָבן די ייִדן ווי מענטשן („אז גם על בית-יעקב פשטה הטובה. כי מטבע החכמות היא להצליח כל יושבי תבל, חדלה שנאת הדת ובאה אהבת אדם תחתיה, והחלו העמים לחבב את ישראל באשר המה אדם").

---

142 בכורי העתים, X, ז' 43—44.

143 הצפירה, תקפ"ד, ז' עא—עג.

אַ געשיכטלעכן ווערט האָט אַוודאי געהאַט ביקס מעמואַרן־בוך. שי״ר האָט אים צוגעגעבן מוט, ער זאָל וויַטער שרײַבן דאָס דאָזיקע בוך, איבער־הויפּט וועגן דער חסידישער באַוועגונג: „ואחרי ידעת ... זה, גם הידיעה בקורות העולם ולכתבם כפעם בפעם, ראוי לך לשקוד על זה, ולרשום בכל יום כאשר הוגד לך ואשר תאמין מצדיק הדור וחסידיו ומעשיהם״.[144] ביק ווייס, ווי אָפּצושאַצן די דאָזיקע השפּעה און ער דאַנקט שי״רן דערפֿאַר: „תודות אלף לך, עבור ברכתך אשר ברכתני צוררתני לרשום קורות זמננו, זאת פעולתי מכמה שנים״.[145] — אין זײַן בוך האָט ביק געגעבן אַ קריטישע אָפּשאַצונג פֿון ביידע קעמפֿנדיקע מחנות, די חסידים און משׂכּילים, און פֿון דאַנען שטאַמט אפֿשר זײַן ווילן צו פֿאַרעפֿנטלעכן די דאָזיקע פֿאַרצייכענישן ערשט נאָך זײַן טויט: „ביז דעמאָלט וועלן זיי ניט זען די שײַן פֿון דער זון.״[146] נאָר די דאָזיקע פֿאַרצייכענישן זײַנען אומגעקומען אין די שׂרפֿה־פֿלאַמען, און אַזוי אַרום איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַ וויכטיקער דאָקומענט...

## VII

אין דער ערשטער תּקופֿה איז ביק אַ בפֿירושער משׂכּיל. אָבער השׂכּלה און נאַציאָנאַליזם גייען בײַ אים האַנט בײַ האַנט. אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל אין „הצפֿירה״ קומט די דאָזיקע צווייזײַטיקייט צו אַ בולטן אויסדרוק, אָבער עס דאָמינירט דער משׂכּיל, וואָס פּראָפּאַגירט די אידעע פֿון פּראָדוק־טיוויזאַציע און בילדונג צווישן די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. נאָך דעם היסטאָרישן איבערבליק גייט ביק איבער צום שווערן עקאָנאָמישן מצבֿ אין דעם הײַנט. ער שטעלט זיך אָפּ אויפֿן כאַראַקטער פֿון מסחר און מלאָכה. דער סוחר פֿאַרנעמט זיך מיט קויפֿן און פֿאַרקויפֿן די אויסאַרבעטונגען פֿון האַנטווער־קערײַ און די פּראָדוקטן פֿון דער ערדאַרבעט. דעם סוחרס פּרנסה איז אַן אומזיכערע און אָפּהענגיק פֿון מזל. דערבײַ איז זי פֿאַרבונדן מיט שקרים און פֿאַלשקייט. ביק באַקלאָגט זיך, וואָס מען פֿאַרלאָזט די מלאָכה און בלויז די אָרעמע לײַט און לא־יוצלחס בלײַבן בײַ דער דאָזיקער באַשעפֿטיקונג. אַפֿילו די דאָזיקע מענטשן קוקן אויך מיט קנאה אויפֿן סוחר און זײַנען גרייט צו פֿאַרלאָזן זייער פֿאַך בײַ דער ערשטער געלעגנהייט. אַזאַ מין ביטול־באַציִונג צו דער מלאָכה האָט גורם געווען צו איר ירידה. ביק רופֿט דעריבער צו אינטערעסירן זיך מיט דעם דאָזיקן וויכטיקן פּרנסה־צווײַג און צו זאָרגן פֿאַר זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

דער צווייטער וויכטיקער מיטל צו פֿאַרבעסערן די לאַגע איז זיך אומ־צוקערן צו ערדאַרבעט. די רעגירונג איז גרייט צו געבן ערד און איז

---

144 אוצר הספרות, III, ז׳ 25.

145 דאָרט, ז׳ 27.

146 דאָרט.

פֿאַראינטערעסירט צו שאַפֿן אַ קלאַס פֿון ייִדישע ערדאַרבעטער. ביק ווענדט זיך אויך צו די אָרטאָדאָקסן, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם, און ווי שפּעטער ריב״ל אין „תּעודה בישׂראל״, ברענגט ער ציטאַטן פֿון תּלמוד צו ווײַזן די נייטיקייט פֿון ערדאַרבעט. ער באַקלאָגט זיך אויך אויף דער גלײַכגילטיקייט פֿון די גבֿירים, וועלכע ווײַזן ניט אַרויס די מינדסטע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון דאָזיקן געדאַנק. און דער מחבר רופֿט אויס מיט פּאַטאָס: „נאָר דורך ערדאַרבעט און מלאָכה וועט זיך פֿאַרקלענערן דער דלות און די אָרעמקייט פֿון פֿאָלק״. 147

אָבער ניט נאָר אין עקאָנאָמישן איבערבוי ליגט די תּרופֿה. ביק שטעלט אַרויס פֿאָדערונגען אויך אויפֿן קולטורפֿעלד. בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט 148 ווײַזט ער אַרוים אַ זאָרג פֿאַר דער קינדער־דערציִונג און ער עצהט די פֿאַרשטאַנדיקע עלטערן צו געבן לייענען זייערע קינדער ווערק פֿון בערקען און קאַמפּע, וואָס האָבן אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע באַדײַטונג. ער לייגט פֿאָר צו שטיצן די יוגנטלעכע, וואָס שטרעבן צו בילדונג און וויסן. מען דאַרף זיי שיצן קעגן די רדיפֿות פֿון די פֿאַנאַטיקער און געבן אָנווײַזונגען מכּוח זייער ווײַטערדיקער אויסבילדונג. „אויך יעדערער פֿון אונדז ווייס וויפֿל שטערער עס שטייען אויף קעגן יעדער גערעכטן מענטשן, וואָס גייט לויט דער תּורה און חכמה. די נאַרישקייט דערוועגט זיך נאָך אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ און צו רודפֿן דעם שׂכל. און אַ סך באַטראַכטן פֿאַר אַ זינד צו גיין אין די טריט פֿון רמבם, אבן־עזרא, קמחי, ווײַזל, רמבמן און לוצאַטאָ און זייי דריקן די וואָס גייען צו צום ליכט פֿון דאָזיקע באַלײַכטער״. ביק פֿאָדערט טאָלעראַנץ און איז פֿול סימפּאַטיע פֿאַר דעם גערודפֿטן, פּונקט ווי ער וואָלט פֿאָרויסגעפֿילט, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט ער אַליין זײַן גערודפֿט פֿאַר זײַנע איבערצײַגונגען. און שיין קלינגט זײַן אויסרוף: „וויל איז דעם וואָס פֿאַרבאָרגט די גערודפֿטע פֿון די פֿאַנאַטישע רודפֿים״. 149

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל קלינגט צו גלײַך אַ פֿלאַמענדיקע ליבע צו דער ייִדישער אומה. „פֿאָלק ישורון!... בכּבֿודיק און ווונדערלעך פֿאָלק! אין לויף פֿון דער צײַט ביסטו ניט פֿאַרשלונגען געוואָרן, ווי די איבעריקע פֿעלקער, וואָס זייער נאָמען און זכר איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען... אַזוי ווי אַ פֿעלז ביסטו שטאַרק צווישן רוישנדיקע ימים״. ער איז אַ געטרײַער זון צו זײַן פֿאָלק און זאָרגט פֿאַר זײַן וווּל: „ווער פֿון דײַנע זין ליבט דיך ניט, ווער פֿון די גערעכטע צווישן זיי וועט ניט וועלן מקריבֿ זײַן לײַב און לעבן פֿאַר דער טובֿה פֿון דײַן כּלל״. די דאָזיקע ליבע צום פֿאָלק האָט אים באַוויגן פֿאָרצולייגן די אויבן דערמאָנטע רעפֿאָרמען. „דאָס פֿײַער פֿון דער דאָזיקער

147 „הצפֿירה״, ז׳ עו.

148 אין דער הערה צום ליד „הילרות״ פֿון Berguin. בכּורי העתּים, V, ז׳ 63.

149 „הצפֿירה״, ז׳ עו—עז.

ליבע וואָס ברענט אין אונדזערע הערצער און דער גרויסער ווילן צו טון גוטס צו אונדזערע ברידער וואָס אַרום אונדז האָבן אונדז צוגעגעבן מוט נאָכצופֿאָרשן די סיבות פֿון די גרויסע צרות, וואָס טוען אונדז איצט באַדריקן". [150]

## VIII

די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט זיך ביק אָפּגעקערט פֿון דער השׂכּלה־באַוועגונג און אָנגעהויבן סימפּאַטיזירן מיטן חסידיזם. עס לאָזט זיך אָבער ניט גלייבן, אַז ביק, דער מאַן פֿון קלאָרן שׂכל, מיט אייראָפּעיִשער בילדונג, זאָל ווערן נתפּעל פֿון דעם אָפּיציעלן חסידיזם פֿון זײַן צײַט, וואָס קולטיווירט מופֿתים און רודפֿט אָן רחמנות זײַנע געגנער. עס לאָזט זיך אפֿשר אָננעמען, אַז ביק איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון דעם חסידישן צדיק משה־לייב סאַסאָווער, פֿון דעם שטעטל סאַסאָוו לעבן בראָד, — וועלכער האָט געשטרעבט צו פֿאַרווירקלעכן דעם חסידיזם אין זײַן ריינער אומגעפֿעלשטער פֿאָרם. משה־לייבן פֿלעגט מען רופֿן דער „אוהבֿ ישׂראל" פֿאַר זײַן שטאַרקער ליבע צום ייִדישן פֿאָלק. „אין זײַן טעטיקייט איז ער געווען מער אַ לערער אין חסידות, איידער אַ װוּנדער־מאַכער, און אין זײַן מאָראַלישער תּורה איז זײַן טון געווען איינס מיט זײַן וואָרט" – זאָגט וועגן אים דובנאָוו. [151] „אַהבֿת ישׂראל – הייסט בײַ אים אָנטייל נעמען אין איטלעכנס צער, אַזוי ווי די צרה וואָלט געקומען אויף אים גופֿא. ער פֿלעגט זאָגן: ‚דער מענטש, וואָס קאָן ניט אויסזייגן דאָס בלוט פֿון די געשווירן און קרעץ פֿון ייִדישע קינדערלעך, דער האָט אַפֿילו צו אַ העלפֿט פֿון אַהבֿת ישׂראל ניט דערגרייכט'". [152] דער סאַסאָווער זעט ניט אין ייִדישן פֿאָלק קיין חסרונות: „איך ווייס אויף זיכער, אַז דײַן פֿאָלק זײַנען אַלע געליבט, אַלע גערעכט". [153] מען מעג אָננעמען, אַז אין דער דאָזיקער תּורה פֿון סאַסאָווער צדיק שטעקט דער מקור פֿון יעקבֿ־שמואל ביקס „אַהבֿת ישׂראל". אין דער אמתן האָט זיך שוין ביק אויסגעצייכנט מיט דעם זײַנענדיק אַ משׂכּיל. אָבער די דאָזיקע ליבע איז דעמאָלט געווען פֿאַרבונדן בײַ אים מיט דער פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן היסטאָרישן אַנט־וויקלונגס־וועג פֿון ייִדישן פֿאָלק און אַ קריטישער אָפּשאַצונג, וואָס ברענגט מיט זיך די שטרעבונג אויסצובעסערן די חסרונות. אָבער זײַן „אַהבֿת ישׂראל" איז שוין סוביעקטיוו. ער שפּירט כּמעט ניט דאָס נעגאַטיווע. אויב עמעץ זינדיקט, איז ער אַ יוצא מן הכּלל. ווען אַ מאַן איז אַנטלאָפֿן פֿון זײַן ווײַב און האָט זי איבערגעלאָזט אַן עגונה, איז ביק אויסער זיך: „צי דען איז עס דער וועג פֿון איינעם פֿון ייִדישן פֿאָלק וואָס איז באַרימט מיט זײַן

---

150 דאָרט, ז' עא.

151 געשיכטע פֿון חסידיזם, II, ז' 247.

152 סדר הדורות החדש, 75.

153 צוואת הריב״ש, לעמבערג 1862.

רחמנות און שעמעוודיקייט?" 154 פונקט ווי דער סאָסאָוועער שטרײַכט ער אונטער די באַדײַטונג פֿון רחמנות. „און די מידה פֿון רחמנות איז די אמתע צירונג פֿון דעם ייִדישן מענטשן פֿון פֿאַרצײַטיקע דורות אָן. אין איר זכות זײַנען מיר איבערגעבליבן נאָך אַזוי פֿיל צרות און מאַטערנישן".155 די מידה פֿון רחמנות טרײַבט אים צו זאָרגן פֿאַר די לײַדנדיקע און פֿאַר־שטויסענע. אַ ייִד טאָר ניט מפֿקיר זײַן זײַנע ברידער און זיי לאָזן געשטרויכלט ווערן.156 ביק האָט טענות צו שי"רן, וואָס האָט פֿײַנט צוויי הונדערט טויזנט פֿון זײַנע אָרעמע ברידער, שעמט זיך מיט זייער ליבע און האָט מורא, טאָמער וועלן זיי זיך דערנענטערן צו אים.157 אַקעגן זשע ביק וואָלט וועלן קושן און האַלדזן אַלע ייִדן מיטן גאַנצן האַרצן, אַפֿילו אויב עס זײַנען דאָ צווישן זיי געפֿערלעכע קראַנקע,158 — ס'איז בכן קלאָר, אַז ביק האָט זיך געלאָזט מיטרײַסן פֿון די מאָראַליסטישע שטרעמונגען אין חסידיזם, און אַלע באַשול־דיקונגען פֿון שי"רן און בלאָכן, אַז ביק באַטייליקט זיך אין די מיאוסע מעשׂים פֿון די חסידים און גלייבט אין מופֿתים, זײַנען לגמרי ניט באַרעכטיקט.

„די גאַליציִשע השׂכּלה איז אין איר אָנהייב געווען אַ לוקסוס־געוויקס, וואָס איז געווען צוטריטלעך נאָר די רײַכע און געלערנטע", זאָגט מ. ווײַס־בערג.159 ביקן האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך די פֿאָלקסמאַסן, און זיי האָט ער געפֿונען אין דער חסידישער באַוועגונג.

ביק איז ניט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געפֿילט די פֿאַר־גליווערטקייט פֿון משׂכּיל. אַפֿילו יצחק ערטער, דער אומדערמידלעכער קעמפֿער קעגן חסידיזם, האָט עס אויך אַרויסגעפֿילט. ווען ער שילדערט אַ משׂכּיל, איז ער בײַ אים קאַלט ווי אײַז, נעמט זיך ניט צום האַרצן די צרות פֿון פֿאָלק, אים פֿעלט דער מינדסטער פֿונק פֿון מסירת־נפֿש. דערצו נאָך שפּאָט ער אָפּ פֿון יעדן מענטשן, וואָס אײַלט זיך העלפֿן דעם כּלל ישׂראל.160 און ביק האָט ניט געקענט לעבן צווישן די דאָזיקע מענטשן מיט פֿאַרפֿרוירענע הערצער, איז ער פֿון זיי אַוועק.

אָבער דער דאָזיקער איבערבײַט האָט אויך גורם געווען, אַז ביק זאָל ווערן רעאַקציאָנער. ער פֿאַלט אָן אויף די משוררים וואָס באַזינגען די איבער־קערעניש פֿון אײַנגעשטעלטע סדרים. ער איז קעגן לערנען פֿילאָסאָפֿיע. „זי גיט אונדז אַבסאָלוט גאָרנישט צו וויסן. אונדזער שׂכל איז באַגרענעצט. די דאָזיקע וויסנשאַפֿט מאַכט געבערן אין דעם מענטשלעכן גײַסט בלויז ספֿקות,

---

154 כרם-חמד, II, ז' 132.

155 דארט, I, ז' 63.

156 אוצר הספרות, IV, ז' 264.

157 דארט, ז' 267.

158 דארט, III, ז' 27.

159 Die Hebräische Aufklärungsliteratur, Wien 1898, p. 76.

160 זעט די סאטירע „תשליך", הצופה לבית ישראל, ז' 88.

וואָס פֿאַרביטערן זייַן לעבן".[161] ער איז אַ שאַרפֿער געגנער פֿון קאַנטס שיטה און האָט תּרעומות אויף רנ"קן, שי"רן און בלאָכן, וואָס זייערע מאָראַ־לישע פּרינציפּן זייַנען אין סתּירה מיט די מצוות פֿון דער תּורה. „מען דאַרף נעמען די קינדער [פֿרוכט] פֿון זייַן פֿילאָסאָפֿיע און עס צעשמעטערן אָן די פֿעלזן פֿון דער תּורה און די מצוות".[162]

## IX

ביק פּערזענלעך צייכנט זיך אויס מיט זייַן ענווות און מענטשן־ליבע. די מידה פֿון רחמנות, וואָס ער האָט פֿון איר אַזוי שטאַרק געהאַלטן, האָט ער מקיים געווען אין זייַן פּערזענלעכן לעבן. ער האָט געהאַט אַן אָפֿן האַרץ פֿאַר יעדן לייַדנדיקן. ער איז גרייט צו באַרעכטיקן דעם מיטמענטשן. אָבער לגבי זיך איז ער פֿול מיט זעלבסטקריטיק און ספֿקט, צי ער ווייס עפּעס. אין יאָר 1827, שוין אויף דער עלטער, באַצייכנט ער זיך אַזוי ווי „אַ קליינער תּלמיד וואָס וואַלגערט זיך אין דעם שטויב פֿון די משרתים פֿון זייַנע לערער".[163] ער שטעלט צו זיך גרויסע פֿאָדערונגען: „ווער איז נאָך אין גייַסט בלינד, טויב אָדער שטום אַזוי ווי איך?" זייַן גייַסט איז אָבער אין דער אמתן שטענדיק וואַך, זייַן געדאַנק איז ניט פֿאַרשטיינערט. ער זוכט נייַע אידעיִשע פֿאָרמען, כּדי צו קענען לעבן ווי אַ ייִד און מענטש. אָבער לסוף פֿאַרפֿלאָנטערט ער זיך אין באַגרענעצטן נאַציאָנאַליזם און יראת־שמים.

זייַנע חבֿרים האָבן אים ניט פֿאַרשטאַנען ווי געהעריק. פֿאַר זיי איז ער געווען אַ בוגד אָדער אַ צבֿועק. בלויז פֿון דער פּערספּעקטיוו פֿון אַ יאָר־הונדערט איז לייַכטער אָנצוּווענדן די מאָס פֿון אָביעקטיווקייט לגבי דעם בלאָנדזשענדיקן משׂכּיל יעקבֿ־שמואל ביק.

---

161 מכתבים, לעמבערג תקפ"ז, ז׳ נד—נה.

162 „המאסף לשנת תקמ"ד", ווין, ז׳ קסה.

163 מכתבי עברית, ז׳ 124.